# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn No. 34-35, October 1963 - Entire Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/5k83f88v

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 34-35(1)

**Publication Date**
1963

**Copyright Information**
Copyright 1963 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור-פּראָבלעמען

**טאָפּל 34-35 נומער**

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



ארויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

תשרי, ה'תשכ"ד ~ אָקטאָבער, 1963

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

100

# אינהאַלט


מלכּה חפץ טוזמאַן: אין די שורות פון אַברהם סוצקעווערס לידער (עסיי) 3

אלף כּץ: צוויי לידער: „דער גראַם"; „ניט געלייענטע לידער" — 9

מאַטעס דייטש: דיכטערישע קולטור עשירות (רעצענזיע) — 10

ישראל גובקין: „אפשר" (ליד) — 14

לוי גאָלדבערג: „זלמן לערער" (באַלאַדע) — 15

י. פרידלאַנד: „דאָקטאָר קעסמאַן" (דערציילונג) — 17

מלכּה לי: „מיכל ליכט—דער פּאָעט", „אויפן בוים פון מיין לעבן" (לידער) 23

פינטשע בערמאַן: „אפשר איז ניטאָ קיין טויט", „איך וועל וואַרטן" (לידער) 24

אהרן ניסענזאָן: „שיר השירים" (ליד) — 25

נח גאָלדבערג: „ס'איז אויפגעגאַנגען די זון" (דערציילונג) — 26

א. גאָלאָמב: תורה יום־טובים (עסיי) — 32

ת. באַרקאַן: „כ'האָב געזען דיין בילד" (ליד) — 35

ז. בונין: „אַ פּאָדקאָווע פון אַן אייזל־פוס" (באַלאַדע) — 36

בערל בוים: מיין נסיעה אויף דער שיף „ציון" קיין חיפה (איינדרוקן) — 37

לאָטי פּ. מלאך: אַ פּאַטעטישער טאַנץ (פאַרצייכענונג) — 42

חנה בושעל־סאָלאָוו: „ישראל'ס קינדער" (ליד) — 45

יצחק ניומאַן: ירמיהו הנביא, דער טראַגישער מקונן (עסיי) — 46

יהושע ריווין: „שלעכטס און גוטס" (ליד) — 49

משה וויסמאַן: „אַ לולב מיט אַן אתרוג" (אַ ווידמונג צו אסתר שומיאַטשער) 50

גאָלדע שלאָסבערג דראָזד: „איר ענדלעכער באַשלוס" (סקיצע) — 53

סאָל ליפּצין: „אין טעג פון געראַנגל" (רעצענזיע) — 57

מרים ריינעס מעלצער: „ליכט און פינצטערניש" (ליד) — 58

א. באַביטש: „פּעדער־שפּריצן" — 59

ליטעראַרישע נאָטיצן און קולטור־כראָניק — 60

נייע ביכער און זשורנאַלן — 64

37 יאָריקער יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב — 65

רשימה פון ליטעראַרישע אָוונטן — 70

באַגריסונגען, ביישטייערונגען און נעקראָלאָגן — 84-74



# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*

## I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מכּוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

MATTES DEITCH - 420 So. Cloverdale Ave. - Los Angeles 36, Calif.

# חשבון

• פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען •

י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר — מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר

10טער יאָרגאַנג, נומ. 34־35 • תשרי תשכ״ד, אָקטאָבער 1963 • לאָס אַנגעלעס


מלכּה חפץ טוזמאַן

## אין די שורות פון אַברהם סוצקעווערס לידער

### (צו זיין 50־יאָריקן יובל)

„שרייבט עפּעס אָן צו אַברהם סוצקעווערס „פּופּציק״— בעט מיך דער רעדאַקטאָר.

כּדי צו שרייבן וועגן דיר, אַברהם, דאַרף איך געפינען דיין טאָן, דיין קול. איך באַדאַרף טאָן ווי יענע

מילגרוים יאָדערן
שווימען אין דיינע אָדערן.

איך באַדאַרף באַגיין „זעלבסט־לעבן״ אין דיין בלוט כּדי צו געפינען דיין דיכטערישן אָטעם.

כ׳האָב שוין אַמאָל געמאַכט אַזאַ גוואַלד־פּרוּוו. מאַך איך איצט אַ צווייטן —

„אויף טשיפּקעס דורכן שיבל.״

ס׳אַראַ מאָדנע שייבלעך דו האָסט! אַמאָל ליכטיק ווי אין אַ גן־עדן, אַמאָל פינצטער און תּהומיק, ווי דער גיהינום. און

ערגעץ בלאַנדזשען קלאַנגען,
האָבן ניט קיין רו;
אַז דו וועסט מיך פאַנגען,
דעמאָלט בין איך דו.



אַברהם סוצקעווער

קלאָר: כּדי צו דערגרונטעווען דיין דיכטערישקייט איז מיר נייטיק צו האָבן יענע בליק־מאָמענטן אין וועלכע איך זאָל ווערן „דו״; אַנזאַמלען פונקען פון דיינע ליבשאַפטן, פון דיינע פיינטשאַפטן; פונקען פון דיינע אומצאָליקע ערב־טויטן און טויטן וואָס דו האָסט אין זיך אַריינגעצויגן מיט דיינע אויגן, מיט דיין אָטעם — אַנדערש, ווי וואָלסטו געוואוסט

וואָס געשעט אין דער לעצטער סעקונד
ווען דער טויט גיט אַ צי פאַרן לעפל

און אַז

ס'ווערט געבוירן אַ קלאַנג ווי אַ וואונד?

אַזאַ קליינע סעקונד צעפינקלט אַ יענעוועלטיק ליכט פאַר דיינע אויגן, צעעפנט אַלע חושים, אַז דו זאָלסט דערזען — יאָ, דערזען און דערהערן דעם וואונדיקן קלאַנג.

ווי דער שטייגער פון שרייבן, באַדאַרף מען נעמען ווידער לייענען די ביכער פון פּאָעט; בישטערן און זוכן. נאָר איך עפן ניט דיינע ביכער איצט. דאָס וועלן זיכער אַנדערע טאָן; אַנדערע וועלן דיך סדרן און טאַלקן, מעסטן און וועגן און אורטיילן — יעדער לויט זיינע אייגענע מאָסן. איך וועל שפּאַצירן אין מיין זכרון און כאַפּן דיינע שורות אָן אַ סדר, אָן אַ טאַלק, אָט אַזוי ווי זיי האָבן זיך אין מיר באַזעצט דורך די יאָרן וואָס איך האָב דיין דיכטונג דערקענט. יאָ:

כאַפּן דעם זכרון
ווי אַ סערפּ אַ בינטל קאָרן.

אפשר אַזוי אויפכאַפּן אין פונק פון דיין צעפלאַקערט דיכטער־לעבן.

איך ווענד מיין שרייבן צו „דו", ווייל ניט אין שרייבן אָן עסיי וועגן דיר גייט מיר. ס'גייט מיר אין דעם איך זאָל הערקענען דיך ווי דו ביסט —

אַנגעטרונקען מיט שוואַרצן רעגן.

איך האָב דיך געזען אין תל־אביבער שטיבער, אויף תל־אביבער גאַסן, וואו דו ביסט אַ „באַרפיז". און איך האָב געזען אַ סך נאַציזלעך זיך שפּיגלען אין דיינע האַלב־אָפענע אויגן. ס'זיינען אויך געווען זעלטענע אויגנבליקן ווען איך האָב דיך געזען ווי

אַ האַק וואו אַלע פינצטערנישן בלאַנקען.

צו וואָס דאַרף איך פינצטערנישן, אַז ליכט איז דורכאויס מיין ענין? נאָר ליכט איז דאָך ממילא ליכט. דער ענין פון דער דיכטונג איז — דורכברעכן די פינצטער. גייענדיק אין דיינע לידער נאָענט צו „דו" קען איך אפשר דערבליקן ווי דו ברעכסט אין די פינצטער.

„אוי, ברודערקע, ווי ס'בענקט זיך אַמאָל נאָך ווייטיק.
נאָך אמתן, געשמאַקן ווייטיק."

אָ, ווי דאָס טוט אַ ביס די גוף־געוועבן! דאָ לייזט זיך אויף די צעטיילונג פון רוחניות און גשמיות און ווערט אין הימלשרייענדיקער ווייטיק. דאָס איז ווייטיק פון געבורט און ווידערגעבורט, וואו ס'אַליינקט דער דיכטער פון תמיד ביז תמיד. דאָס איז דער ווייטיק פון ריס־שפּאַן אין „אייביק" אַריין דורך דער אומגעהייערער בענקשאַפט — דער געשמאַקער ווייטיק פון גאָט־מענטש צוזאַמענגוס צוליב דער „באַשאַפונג." דאָ

אין איינזאַמקייט האָט ניט דער עלנט קיין שליטה.

ווי נייטיק די איינזאַמקייט איז דאָ! אַזאַ אַליינקייט פילט אויס רוים. דאָס איז אַליינקייט וואָס איז גענוגנקייט און עלנט מוז בלייבן אויסער.

אין דיין באַזונדערקייט פרעגסטו ניט איינמאָל אָפּ דיין גאונות:

וואוהין? איך האָב ניט איינגענומען טראָיע,
נאָר טרויער איז דער אינדזל פון מיין וואַנדער.

נייַן. דו האָסט ניט איינגענומען טראָיע. דו האָסט אָבער איינגענומען אַ פאַרבלעַנד, וואָס זעלטן גרייכט ווער צו דעם — דעם פאַרבלענד וואָס שימערט צווישן „איינזאַמקייט" און „עלנט". דו האָסט אָפּגעקניפּט איינס פון אַנדערן און איך האָב זיי דערזען באַזונדער. אָן אַ שיעור וויכטיקער איז דאָס ווי טראָיע. און דאָס קאָן נאָר געמאָלט זיין אין וואַנדער אויף אינדזלען פון טרויער...

דיר איז קיינמאָל גאַרנישט ניט גענוג. וועסט קיינמאָל ניט שיכור גענוג מיט צער. פרעגסט אָבער און ווידער:

ווער בין איך? אַן אוראַלטע פידל אַזאַ מין,
וואו הונגעריק זשומען פאַרבלאָנדזשעטע בינען.

ניט פאַרבלאָנדזשעטע בינען, אברהם. זיי וויסן גענוי וואוהין און צו וואָס: צום האָניק פון דיינע זילבערנע זילבן, וואָס שלייפן זיך אין דער אוראַלטער פידל וואָס דו ווילסט אַזוי אָפט צעברעכן...

ס'באַהערשט אַזאַ תענוג צו פילן דעם סם פון אַליינקייט

איך וויס: דו וועסט ניט אַריינלאָזן.

קיינער זאָל ניט גנבענען דיין טרויער

ווייל —

דאָ ביסטו ביים וואַרשטאַט פון גאָר דער יצירה.

אַ, עצבות!

קוים באַשאַפן — איז שוין די באַשאַפנקייט מיט פגמען...

זע, אברהם, אַלע גאָט'ס באַשאַפנקייטן זיינען אויך מיט פגמען. אַ סימן דו, אַ סימן איך, אַ סימן רשעות, אַ סימן וועלט... נאָר ווי נייטיק דיר איז דער צער פון דערבליקן די אייגענע פגמען ווייסטו נאָר אַליין...

דו ביסט געווען אַ צער'פולער ווייסער שוין צו זיבן יאָר. דיין גייסטיקייט האָט זיך געשליפן צווישן שנייען און פייערפונקען פון סיבירער בלאָע פרעסט. האָסט געזען ווי

אַ בלויער פוקסנעק פאַרשאַרט אין שניי אַ האַלטוועשקע
פון אויסגעברענטער זון דעם לעצטן פונק.

האָסט געהערט ווי

פראָסט מיט גרינע שוועבל־אויגן טאַטוירט דיין זמר

וואו ס'איז שניי געווען, האָסטו פייער געזען; קלאַנג געהערט:

פעלדער בלאַנקע, בלענדיקע מעטאַלן

ווי ס'האַלדזן זיך דאָ די ביתן מיט די למדן, די דלדן מיט די קופן, און די נונען נעמען איין די פונקען אין די הילכן, און ווידער:

אין פלאַמענשניי דער טאָג
פון געשליפענע זונמעסערס צעשניטן.

אָנגעגליטער עכאָ פונס שוויגן
שיסט אין מיר אַריין אַ הייסע פייל.
יעדער שניי איז אַ פאַרפראָרן גלעקל,
גיב אַ ריר און ס'ענטפערט מיט אַ קלונג.

און דו — אין פֿראָסט־און־פֿייער געשליפֿענער, זיצנדיק מיט דיין טאַטן אין שליטן וואָס פֿירט אייך פֿון וואַלד, האָסט שוין געאַנט די געזאַנגען וואָס ווערן אין דיר פֿאַרזייט:

נעמען שטערן מיט געזאַנג מיך קריינען,
שטערן אויפֿגעבלאָזענע אין ווינט
און לכבוד שטערן ווילט זיך וויינען...
ביז דער לעצטער בוים פֿון וואַלד פֿאַרשווינדט.

אָ, צו וועלן וויינען! גרויסע דאַרפֿן געני ווייסן פֿאַרוואָס מען וויינט. און ייִנגל אין שליטן ווייסט נאָך ניט. ער ווייסט אָבער שוין אַז „געוויין" איז אַן אוצר אַ זעלטן שיינדל מיט וואָס ס'פּאַסט צו באַגעגענען דעם וואונדער פֿון שטערן, דעם יום־טוב פֿון שטערן. און שוין דעמאָלט ביסטו געוואָרן

פֿון אַ ייִנגל אַ לאַווינע,
וועמען ליכט און וואונדער האָט געבויט

און געוואוסט אַז

אייביק ביסטו, שניימענטש,
ניט צעשמאָלצן ווערט דיין פֿינקל־פּאַנצער פֿון קרישטאָל

און וואַרעמענדיק דיין עלנט אָן אייז, האָסטו אָנגעוואונקען:

וועסטו אין אַ שטיבעלע פֿון קלאַנגען
מיך געפֿינען תּפֿילה טאָן צו שניי.

אין אָט דעם שטיבעלע פֿון קלאַנגען האָסטו זיך אַריינגעקליבן, זיך פֿאַר־פּאַנצערט און טוסט וואָס דיר באַשערט איז: בלאָזט אַריין לעבעדיקן אָטעם דאָרט וואו פֿריער געווען איז בלויז „באַגריף". דו נעמסט אַ „הויך" און טוסט עס אָן אין פֿלייש, און טריפֿסט אַריין בלוט, און גיסט עס אָן מיט לשון, און

ס'אַראָ געזאַנג די אַנטהילונג
פֿונעם ביז איצט ניט־דערקענטן.

ניט נאָר דיינע אַליין די פֿרייד, אַברהם. אויך איך בין דערפֿרייט מיט די זעאונגען: „עכאָ" ווערט קלעזמער פֿון גייסט און רובין. „לופֿט" קען מען ממש אָנשעפֿן מיט אַ לאָפּעטע. אין ליד ביי דיר קען מען ליגן אויסגעבויגן פֿון בענק־שאַפֿט ווי אַ פֿיילן־בויגן און ס'איז אַ ליכטיק באַהעלטעניש, וואו אפֿילו ווייטיק איז געשמאַק, און חושים נעמען איבער און ווערן דרעמלענדיקע פֿייגל וואָס שרעקן זיך אין וועסטע נעכט... און דו לאָזט אפֿילו דערהערן אַן אָנגעגליטן עכאָ פֿון „שווייגן" (אויב איך האָב אַזעלכעס פֿריער ניט געאַנט, האָב איך דאָס איצט דערהערט און דערזען). און „נס", און נס! ס'ליגט אין טויטער שאָל פֿאַרוויקלט ווי אַן איי, נאָר ווען דו וואַרעמסט עס מיט דיין „ווויי" מוז גייסט זיך אָנטאָן אין חומר און ווערן דיר אַ שוץ דאָרט וואו שוץ איז שוין געווען ניט מעגלעך. דו האָסט „נס" פֿאַרפֿיקסירט אין גרויסע אותיות' ס'זאָל ווערן אַזוי ממשותדיק, דו זאָלסט זיך קענען ווענדן צו דעם:

פֿאַרלויף דעם וועג! אויב ניט וועט דיך פֿאַרדריסן.
ווייל אויך אַ נס מוז האָבן אַ געוויסן.

ס'אַראַ אַחריות אָנגעהאָנגען דעם נס־חלום! און ס'דויערט ניט קיין „אוי" און ס'טוט נסים מיט דיר ביי די סאַמע שווערן פון טויט־סכנות...

דו האָסט אין זיך אַ הערעוודיקייט אַזאַ אויסגעאיבט, אַ זעעוודיקייט, אַ שפּי־רעוודיקייט אַזאַ, אַז אין דעם ריכטיקן אויגנבליק זאָל עפּעס אַ געהיימער אָטעם־צי־דיינער דעם „נס" אַרויסרופן, ס'זאָל ביימער איבערשאַפן אין „שטראַלנדיקע געשטאַלטן", זיי זאָלן זיך שטעלן צווישן דיר און וועלף... אַזוי כסדר, ביז אַ נסימדיקע כוואַליע האָט דיך אַריבערגעוואָרפן צום ברעג פון ישראל, און דיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן

די פעלדזענע שפּיגלען פון ירושלים.

אויב זען ווילסטו די אייביקייט
פנים אל פנים
און אפשר ניט שטאַרבן —
די אויגן באַהאַלט,
דריי אַראָפּ זיי
ווי קנויטן אין שאַרבן.
און דעמאָלט
אין זיך אַ געצונדענער,
גיי וואו עד היום
דיין וואַנדערשאַפט איז ניט מסוגל געווען זי צו טרעפן—
און גיב זיך אַן עפן.

גיב זיך אַן עפן מיט גאָר דיין שיינקייט און מיט אַלע דיינע קוים פאַרצוי־גענע וואונדן. דו האָסט זיך באַשוואוירן

דאָ וועל איך שרייבן אַן אויפהער
מיט אייגן באַגנעדיקטן פייער

און אויך באַשוואוירן זייַנען דייַנע פינגער

די זאָלן באַשאַפן אַ שורה:
אַלע וואָס ענדיקן לעבן פאַרזייען אין מיר זייער גבורה.

ס'איז נאָך מער, אַברהם. אין דיר האָבן פאַרזייט זייער גבורה אַלע די, וואָס זיינען אַריין אין טויט איידער, איידער זיי האָבן פאַרענדיקט זייערע לעבנס. מיט אַזאַ גבורה וועסטו — אַן אַנגעטרונקענער מיט שניילִיכט און מיט שוואַרצן רעגן אייביק זוכן וואָרט און ניגון, וואָס דאַרף פאַרענטפערן אַלע פאַרוואָסן.

אונטער גראָז — אַ לידערפעלד. און מיטן זעלבן ניגון
שפּאַן איך צווישן לידער, ווייל איך ווייס ניט וואו די ליגן.

אפילו ווען דו ווייסט אַז די לידער ליגן אין דיר אַליין, ווייסטו אויך אַז דער וועג צו זיך איז דער ווייטסטער און שווערסטער... און געפינסטו, זוכסטו אַלץ נאָך אַרום, ווייל דו אַליין ביסט פאַר זיך ניט גענוג... און אויך צופיל.

און אַז מ'האָט חרוב געמאַכט אונדזערע טעמפּלען, פאַרשוועכט אונדזערע הייליקייטן, און טריף געמאַכט אונדזערע געפעסן, איז נישטאָ קיין אייביקייט אין גאָלד, אין שטאָל און ניט אין מאַרמאָר. ס'איז נאָר דאָס

בלעטל פּאַפּיר, ביסט אַ דענקמאָל,
אַ נעסט בויט די טויב אין דיין חומר.
בלעטל, אין דיר, ניט אין מאַרמאָר
איז אייביק דאָס פּנים פון טרוימער.

ווער איז די טויב, וואָס בויט איר נעסט אין פּאַפּירענעם חומר? איך דערקען זי. ס'איז די זעלבע וואָס האָט זיך באַוויזן אין אַ פעדער אין שניי־מאַגנעטן פון באַגינען. די זעלבע וואָס האָט מיט אַ פליגל־פּאַך דיך אַוועקגעצויגן פון דיין טאַטנס אָפענעם קבר, וואוהין דו האָסט געוואָלט זיך אַריינוואַרפן. די זעלבע טייבעלע פירט דיינע גלויביקע פינגער איבערן „בלעטל פּאַפּיר דאָס פּאַרהיטע" וואו פייערן מוזן „קניען, ווייל זיי האָבן אויף דעם ניט קיין שליטה." איז מיר פאַרשטענדלעך זייער אַז

טעג אָן דער טויב זיינען מילבן,
אַ לויב צו די לויטערע פאָרמען!
זאַמל איך זילבערנע זילבן
צו קענען מיין טייבעלע קאָרמען.

דו באַלוינסט דיין טייבעלע מיט דיין גאַנצן דיכטערישן פאַרמעג: מיט די זיל־בערנע זילבן וואָס דו ווערסט ניט מיד צו זאַמלען.

אויערן וואָס זיינען אָנגעשטעלט צו דיין געזאַנג כאַפּן אויף דעם פייערלעכן שאָרך פון זעלטענעם זייד אין די זיינ'ס, כאַפּן אויף די ליבשאַפט וואָס צווישן די למד'ן מיט די בית'ן און ווייסן אַז זיי זיינען דאָ געווען ערגעץ נאָענט ביים וואָר־שטאַט פון דער יצירה.

כאַפּן זכרון
ווי אַ סערפּ אַ בינטל קאָרן.

טראָגט מיר אונטער מיין זכרון דיין מידקייט: מיד פון טרויער, מיד פון וויטיק, מיד פון מענטש און זיין לשון. זוכסט אַ לשון אַ נייעם. דו ווילסט אַז שטיינער און גראָזן זאָלן דיך לייענען און פאַרשטיין. ווילסט שפּאַלטן וואָקאַלן, אַז פונקען — אפשר שוואַרצע — זאָלן פליען.

גראָזן, אַברהם, האָבן אוודאי זייערע אייגענע גראָזן־דיכטער. דיין טויב ווייסט בעסער: זי וועט דיך אַוועקציען. דו געהערסט דעם לשון וואָס מענטש אין זיין בענקשאַפט, אין זיין נויט, האָט פון זיך אַרויסגעהאַקט צוליב דערקענטע־ניש, צוליב דערנענטעריניש, צוליב הערלויכטעניש פון מענטש.

אויסשעפּן — ניט מעגלעך. זאָג איך אַצינד צוזאַמען מיט דיר:

צום ווידערזען
אין צימערל, אין חלום מיינעם, גראָזן,
צום לידערזען
אין שימערל
וואָס איך האָב אייך פאַרלאָזן.

אלף כּץ

## צוויי לידער

(פון דער סעריע „לידער פון די צוואַנציקער")

### דער גראַם

דער גראַם איז אַן עכאָ
פון וואָרט, וואָס אַנטפּלעקט
דעם סוד וואָס איז הינטער
דער שורה פאַרדעקט.

ווי גרינג ער פאַרבלאָזט
מיט אַ שמייכל דעם רויך און —
דעקט־אויף אין דער שורה
איר שטראַליקן תּוכן.

### ניט־געלייענטע לידער

ווי עס טוען אין סטאַטוען
און געמאָלענע פּאָרטרעטן
אַלץ נאָך רופן און ניט רוען
ניט געענטפערטע געבעטן
הינטער שטיינערנע, פאַרגליווערטע געזיכטער —
ווערן קיינמאָל ניט אַנטשוויגן
ניט די ווערטער, ניט דער ניגון
אין די לידער ניט־געלייענטע פון דיכטער.

---

ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון"
אָפּצאָל 3 דאָלער אַ יאָר

מאַטעס דייטש

# דיכטערישע קולטור־עשירות

(וועגן ירמיה העשעלעס נייעסטן בוך לידער פון 1963)

ווער ס'וועט איבערלייענען ירמיה העשעלעס בוך לידער וועט דער איינדרוק ביי אים בלייבן, אַז חוץ דעם דיכטערס פּאָעטישער זשאַנער פאַרמאָגט דאָס בוך אַ סך קולטור־עשירות, וואָס זעלטן טרעפט מען עס אָן ביי אַנדערע דיכטער.

זיין קולטור־עשירות אין ליד ווערט אַריינגעדימענט אָן אַ שום מין שטעל פון באַווייזן אַז ער געהערט צום אַריסטאָקראַטישן קלאַס פון מפלגי תורה אָדער עס זאָל זיך פילן אַז ער איז אויסן מיט זיין קולטור־עשירות אַרויסצושטעלן איכ־זיכיקייט, וואָס שלעפּט מיט נאָך זיך סנאָביזם; איז דאָס אויך ניטאָ הן אין געפיל און הן אינעם מוח בעתן לייענען זיינס אַ ליד. זיין ערודיציע הויערט אַזוי איינפאַך פּאָעטיש און בפירוש געניאַל נאַרמאַל. אפילו זיינע פילאָלאָגישע המצאות און גראַמנייקייטן — כאָטש זיי קומען אומגעריכט — זיינען אָרגאַניש נאַטירלעך סיי אין טעקסט און סיי אין דער האַרמאָניע לגבי דער פּאָעטישער עקספּרעסיע און זיין אינדיווידועלע דערפינדערישקייט.

העשעלעס ברענגט זיין ליד צו אונדז אויף אַ קולטור־שפּראַך וואָס טראָגט אין זיך דעם דיכטערס יחידישע דערפאַרונג און דעם אופן פון זיין אַנדערשדיקן אויספורעמען זיין ליד, זיין פּערז, זיין וואָרט, זיין פּאָעטישן צלם פון אַ האָמאָ נאָוווס.

די פּאָעטישע כוואַליעס פון זיין ליד דערטראָגן צו אונדז דאָס אַלטע שטייגער לעבן, די סביבה פונעם שטעטלדיקן לעבן, דעם בית המדרש, דעם מאַרק, דעם קלויסטער, די מקווה, און אין דערזעלבער צייט גיט ער מיט דעם ליד אַ שפּרונג צום וואָרט־אוצר פון דער וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע פאַר אירע לעצטע דערגרייכן.

און אַזוי אָטעמען זיינע לידער פאַר אונדז מיטן דעך פון גמרא, קבלה, חקירה, זוהר, אַקדמות, מגידות און העט־העט — מיטאָלאָגיע, רוים און צוריק צו „דודס אייניקלעך."

גלייך פונעם אינהאַלט אַליין, ווען מען לייענט דורך די טיטלען פון די לידער, יאָוועט זיך אַרויס די מיינונג פונעם דיכטערס פאַרנעם; אַ פשיטא באַכן לייענען און טאַקע נאָכן אַריינדרינגען אין זיינס אַ ליד. און אַ ליד איז ווי אַ פרוי וואָס וויל ניט לעבן מיט אַ מאַן „אויף באָרג". אַ ליד פאָדערט אויך פונעם לייענער אַ מין סאָרט הרי את מקודשת.

און מער ווי לידער פון אַנדערע דיכטער פאָדערט עס העשעלעס ליד, מחמת זיין ליד איז הוילע ר ו י ם ־ י אָ ר ה ו נ ד ע ר ט... ס'איז פול מיט ליד־אַנדערשקייט; עס לאָזט ניט אַראָפּ דאָס מינדסטע שטריכעלע פון זיין אַנדערשקייט, פון דעם בימי־איצט; עס וויל ניט טראָגן קיין אומבאַרעכטיקטע ווייען און קיין אומזיסטע יסורים אויך ניט — דער פּאָעט דעראַבערט אַלע זיינע געווינסן נאָר דורכן ליד; דאָס ליד—אינעם זכות פון אידייען — טראָגט דעם דיכטערס לעבן פון דור צו דור. זיין טראַכטן, ניט זיינע סימבאָלן, סטימולירן אונדז צו מעשים, צו אויפנעמען און דערקענען זיך און דאָס לעבן מיטן גאַנצן באַשאַף.

טראַכטן געבערט אידייען, ניט סימבאָלן; פאַרקערט, סימבאָלן זיינען דעקאָראַציעס פאַר ריטואַלן; זיי באַווירקן די געפילן בלויז פאַר סענטימענטן אָבער ניט פאַר דעם מוח און זיין קוואַל פון טיפער מחשבה.

העשעלעס' לידער זיינען פול מיט זיין אַנדערשקייט און דעריבער זיינען זיי דורך און דורך  ז י י נ ע  לידער — מאָדעלן פון זיין פּערזענלעכקייט. און זאָל נאָך גוט אונטערגעשטראָכן ווערן דער קומענדער זאַג: אַנדערשדיקע לידער זיינען ניט אַזוי (ווי אַ סך לייענער באַהויפּטן) אומקלאָר, ווי ספּעציפיש איינציק מיט זייער אַנדערשדיקייט פון אַ ניט באַקאַנטער דערפאַרונג; עמיצנס פּערזענלעכע דערפאַרונג; אַן אַנטרעף מיט אַנטפּלעקטע וויזיעס — אַן אינטעלעקטישע ראַנדע־וואו פון אַן אייגן אויסגעפינענקייט.

דעריבער דאַרף מען טאַקע געדענקען און העשעלעס לידער ניט פאַרבייטן מיט אומקלאָרקייט. אויפן ערשטן בליק וועלן געוויסע לייענער זיך לאָזן פאַר־פירן פון דעם אויסרייד, פאַר ניט באַנעמען מיטן ערשטן מאָל לייענען, און אויס־רופן:  א ו מ ק ל א ָ ר !  כדי צו באַרעכטיקן זייער פּסק־דין מכוח אַנדערשקייט.

אויב ס'איז טאַקע באמת אַזוי, איז די פּאָעזיע פּאַרטיק זיך ניט צו באַגעגענען מער מיט לייענער אויף אַזאַ מין אופן; דאָס טאָר ניט און קאָן ניט זיין די טענה.

העשעלעס' ליד איז נאָר דאַמאָלס גוט צו באַנעמען עס קלאָר, ווען מען לייענט עס איבער און מען בלייבט זיצן טראַכטנדיק און  ד ו מ ע ן  אַרום דעם; אָט אַזאַ ליד איז עס: בכלל האָט  ל י ד  ליב אַז דער לייענער זאָל מעדיטירן אַרום דעם; העשעלעס ליד רופט אַרויס מעדיטאַציעס. אַזעלכע לידער ווי העשעלעס' האָבן קיין אַנדער ברירה ניט ווי נאָר געלייענט צו ווערן אַזוי ווי זיי פאָדערן  פ אַ ר ט י ק ו ל אָ ר  געלייענט ווערן.

זיי וועלן קיינמאָל ניט ווערן קיין מאַסן־ל דער, במילא וועלן זיי ניט גורם זיין מיט זיך קיין שאַבלאָן, און קיין מאַסן־פּראָדוקציע אַוודאי ניט. די לייכטע לידער־מאַכער וועלן בשום אופן ניט אומשטאַנד זיין נאָכמאַכן דעם דיכטער אפילו זיי זאָלן איבער נאַכט פאַרוואַנדלט ווערן אין עכטע דיכטער־מאַלפּעס.

און די סאָרט מאַלפּעס פעלן ניט אויס אין אונדזער קולטור־זאָאָלאָגישן גאָרטן פון יידישער פּאָעזיע. לעצטנס זיינען זיי אויך אַריין אין דער קריטיק! דאָס באַציט זיך אויך אויף די „פאַרסטריגע־קריטיקערס", וואָס פאַרסטריגעווען מיט ציטירטע פערזן פון דיכטער זייערע אייגענע פּראָזאַאישע פלאַכטעס אין פאַר־שיידענע בלעטער.

אָבער אָט־די  פ ע נ ג ו י נ ע ן  וועלן אַזאַ אַרבעט ניט קענען באַווייזן מיט העשעלעס לידער. ס'איז אָבער דאָס גאַנצע ליד אָדער גאָרניט ציטירן.

העשעלעס איז זייער יידישדיק מאָדערן. כאָטש עס פעלט ביי אים אפילו ניט אויס דער אַלטער מענה־לשון, דאָס פּשטל, דאָס אַמאָליקע בטלנות, וואָס ווערט ביי אים דער כוח פון אַ מין יידישן אוואַטאַר. ער פאַרוואַנדלט זיך אינעם ליד אָט ווי אַ מאָדערנער „משוגענער בטלן" און אָט אין אַ „יאָסל לאָקש פון כעלעם" און דאָ איז ער טאַקע יידישדיק גרויס און נאָך גרעסער — דאָס דענקווי־דיקע שאַרפסטע מעסער. ווי אַ שטייגער אין זיינע לידער:

„פון בריק אויף שטריק. / ער שטעלט דעם טראָפּ / סך־הכל / דורכבליק /
זיסער פרינץ / אדום."

יאָ, מען מעג זיכער אַריינבעמען אַלע זיינע גרעסערע פּאָעמעס, מחמת אין זיי געדאַנקט זיך גוט דעם אַפּאָטעאָז פון יידישן דענקען — יידישער זכרון און גייסטיקער אַנזאַמל.

דער אַפּטייל — סתם אַזוי — איז וויט פון צו זיין „סתם אַזוי" אַ טיטל פאַר אַ סעריע לידער. ער איז דאָרט דער חקרן וואָס האָט אַראָפּגענומען בּאָרד און פּאות, אויסגעטון די קאַפּאָטע און גייט היימיש אַרום שפּאַצירנדיק איבער די קולטורן פון דער וועלט; ער שטעלט זיך אָפּ, פאַרציט אַ יידישן ניגון און אין אים יעירט־אויף דער טראָפּ פון מעבר זיין די סדרה; גמרא־טענער; דאָס חדר־קול, און אַלע שניידן שטיקעלעך, פּענעצלעך, און טונקען זיי אין יידישער גלאָריפּי־צירטער בענקשאַפט.

העשעלעס איז דער פּאָעטישער דענקער אויף שטימונגען און דער פולער מבין מיט זכרון אויף יידישן געמיט. זיין ליד איז יידישער נוסח געגאַנצט אין אָריגינאַל פון דורות, כאָטש דער פּאָעט אַליין איז די עקספּרעסיע פון מאָדערנעם וועלטלעכן סטיל — אין פּאָעטישן זין; אין פּאָעטישער טעמפּאָ — איז ער אָבער פאַרטון (פאָלקיש געזאָגט) אינעם אַלטן נוסח פון יידישע דורות אַריבער זיינע אויערן; ער גייט אים נאָך און ער פאָרט מיט אים מיט איבער דער גאָרער וועלט, וואו דער דיכטער שטעלט אַ פּוס און ער קלינגט אָפּ אין זיין געמיט ווי אַ בת־קול און ער ענטפערט אָפּ אויף צוריק אין ליד: „על רגל אַחת", „פון אות צו אות", און דאָס ליד „פון בלאַט אַרויס", וואָס איז פול מיט סקעפּטישער, שרייבערישער ווידוי און מיט פּאַבלהאַפּטיקן מוסר־השכל.

און אַזוי ווערן זיי לידער צום דענקען פון אַ יחיד־פּערזענלעכקייט, וואָס גיט אונדז זיינע פּאָעטישע נייע דערפאַרונגען אין וואָרט, אין פערז, אין סוגעס־טיע פון אייביקן טראַנסמיגרירן אין גילגול פון אות — אינעם פּאָעטישן תיקון פון עקספּרעסיע.

אָט איז אַ ליד וואָס מאָלט אונדז אַ בילד פונעם אַלטן קאַסרילעווקע צי קאַבצאַנסק, נאָר אין אַ לעצטער אויפלאַגע. דאָס איז רעטראָספּעקט געזען דורך דער פּריזמע — פּאָעזיע 1963. דער היינט מיטן אַמאָל גיבן זיך שלום און דער דיכטער פאַרבעט זיי אויף אַ גלעזל טיי אין זיין ליד:

### געגנעצ־יוועקע

אַ גענעץ, אַ צעצויגענער, הויערט איבער שטעטל —
פון דנאָ אין מקווה ביז די קלויסטער־שפּיצן.
די מיידלעך שפּילן זיך אין עטל־בעטל;
די יינגלעך קוועלן פון פּאַרלעגערטע וויצן.

נודאָטע ביי קבצנים; לאַנגווייל ביי נגידים:
דורך טירן און פענצטער קללות פון מאַמעס.
ס'איז טרוקן, נאָר קובוש גייט אונטער אַ שירעם:
ער וויל הימעלע אייגנס פאַר דיינע ד' אַמות.

דער טאָג איבער הייזער — אַ געלעכטער עמער;
די נאַכט — אַ גלאָק, אָן אַ צונג צו די באַקן;

דאָרט שלאָפן די קונים; דאָ דרימלען די קרעמער —
דער פעלדשער און קלעזמער פאַראַדירן אין פראַקן.

און ווינט גלעט קוים באַרד פון קברן דעם אַלטן;
איז פויל אַ פלאַטער טאָן אויפן שטריק — די וועש.
בטלנים צווי אונטער אויוון, דעם קאַלטן,
זיך ענדלעך דערביוועט צום ביטול היש,
דורך שלאַבריקע מעת־לעתן פון תענית און פאַרכט —

רזיאל המלאך שנאָרכט...

נו, איר זענט כאָטש אַ מבין וואָס אַ פּאָעט — אַ מאָדערנער — קאָן באַשאַפן פון אַ געגעץ? דאָס שטעטעלע איז טאַקע ניט מער די גרויס ווי אַ געגעץ, אָבער דאָס בילד פון דעם ווי דער פּאָעט מאָלט עס אויס איז גרויס אין אַלע פּרטים און דימענסיעס וואָס מעסטן איבער אָט־יענעם אַמאָליקן שטייגער־לעבן, וואָס איז געווען גרויס דווקא אין דער קליין...

דאָס באַווייזט אַז פּאָעזיע טיילט צו שכר־גלאָריע צו יעדער זאַך, בפרט מענטש און וועלט זיינען באמת גרויס אין איר דווקא אין זייער קלייניקייט. אַזוי פאַרקערפּערט זי אין זיך דעם דיכטערס אילוזיעס.

נישטאָ קיין שענערע זאַך ווי דער רוקן פון אַ בוך; נישטאָ קיין מער רייצנ־דיקע זאַך ווי טאָוולען וואָס עפענען זיך און דאָס אויג דערזעט דאָס געדרוקטע וואָרט וואָס טראָגט אויף זיך געדאַנקען פון כלערליי וועלטן פונעם מענטשנס פילן און דענקען.

דער פּאָעט גופא איז דער צוועק און דער זין אין דער אַל־וואָרט־בויאונג פון דעם פּאָעזיע־טעמפּל. נאָר ווען דאָס וואָרט צעשטערט די טעמפּלשע אילוזיע ווערט עס פאַרוואַנדלט אין אַ טראַגישע, באַרבאַרישע געצנדינסט.

נאָר דער פּאָעט פירט ניט די וועלט. כאָטש נאָכן בורא העולם וואָלט ער יאָ געדאַרפן זיין אָט־דער וואָס זאָל אָנפירן מיט דער וועלט און ניט די פּאָליטיקאַנטן און כלערליי אינטערנאַציאָנאַלע דיפּלאָמאַטן! זיי האַלטן אין איין פאַרשיכורן דעם מוח מיט יין־נסך...

און דווקא די פּאָעזיע דאַרף אים אויסניכטערן; זי פילט אים אָן מיט געפילן וואָס וועקן ביי אים טראַכטן און קלערן.

ירמיה העשלעס לידער זיינען לידער צום דענקען; זיי זיינען פול מיט די וואונדערלעכע יחוסדיקע דערפאַרונגען פון אַ דיכטער־פּערזענלעכקייט, וואָס ברענגט צו אונדז אַריין אַ סך קולטור־עשירות.

און דאָ פאָדערט זיך אַ נייטיקע באַמערקונג:

דאָס בוך האָט געדאַרפן פאַרזאָרגט ווערן מיט אַ גלאָסאַר. ווייל אַ חוץ די פילע פרעמדווערטער און העברעאיזמען איז עס מיט אַ סך פראַזן פון עטלעכע לשונות, מיט גמרא, קבלה, זוהר, פסוקים און זאָגעכצער; דאָס נעמלעכע — פון מיטאָלאָגיע און נעמען פון כאַראַקטערן פון ליטעראַרישע ווערק.

ישראל גובקין

# אפשר...

אפשר האָט גאָר טומאה אויסגענאַרט די וועלט,
און, להבדיל אלף-אלפי-הבדלות,
דער בעל-הרחמים איז גאָר ביי איר אין גלות,
ווי סאָקראַטעס איז געווען ביי קסאַנטיפּען
די מרשעת,
און מיין רבי, דער צדיק, ביי דער רביצין
די ארורה.

און דעריבער לויערן שאַרקס
ביי ברעגעס פון ים'ען,
און בייזע שאַרקס, נאָך ערגערע,
האַלטן וועלט אין פאַר'סמ'ען;
און שטיקן פון לינקס —
און בראָטן פון רעכטס —
און סע פלאַקערט די וועלט
אין פלאַמען פון שלעכטס.

די טומאה, פאַרשטעלט
אין טויזנט געשטאַלטן,
טאַנצט מיט טייוואָלים
אַ טאַנץ פון געוואַלטן.

און דער בעל-הרחמים
צוזאַמען מיט מיין רבין
קלאָגן ביטער, ערגעץ-וואו,
אויף גלות-השכינה,
און וועלט האַלט אין ווערן
אַן אָפּגעברענטע בינע...

ווערט אַ שטענדיקער אַבאָנענט פון דעם „חשבון"

לוי גאָלדבערג *)

# זלמן לערער

(באַלאַדע)

אַלץ אין שטעטל ווי געווען:
שטיבלעך, און אַ מאַרק אינמיטן.
נאָר פון קומען און אַוועקגיין
האָבן דורות זיך געביטן.
קינדער זיינען אַלט געוואָרן;
אַלטע, האָט די צייט פאַרלאָרן.

אַלץ די זעלבע קליינע שטעטל—
ענדיקט זיך ביים וואַלד אַרונטער.
שטייט ביים וואַלד נאָך אַלץ די חורבה,
וואָס די קלעצער האַלטן אונטער.
שרעקעדיקע זאָגן: שדים
וואוינען דאָרטן אויפן בוידעם.

שלייכט פאַרביי דער פוסטער חורבה
ווען אַ זקן איינגעבויגן;
שאָקלט זיך זיין קאָפּ דער גרויער
מיט אַן אומעט אין די אויגן.
ס'קומט אים אַ געדאַנק אין זינען:
זלמן האָט געוואוינט דערינען.

זלמן, זלמן — ווער איז זלמן?
מיט אַ טרער דערמאָנט מען זלמן.
לאַנג שוין פוילן זיינע ביינער
ביי דעם פלויט פון דעם בית־עלמין.
אַ מצבה האָט דאָס שטעטל
בלויז געשטעלט נאָך אים—אַ ברעטל.

— — — — — — — — — — — — —

אי זיין טאַטן, אי זיין מאַמען
בלויז געזען ווי דורך אַ נעפּל
טעג אין קלויז—דער הונגער עסט אים
ווי אַ וואָרעם עסט אַן עפּל.
האָט דער נגיד, זאַנוויל שמעון,
אים צו זיך אין הויז גענומען.

איז דער נגיד אָפּגעשטאָרבן—
זלמן דאַרף אים שוין ניט מערער.
יעדער קען אים אין זיין שטעטל,
האַלט מען אים דאָרט פאַר אַ לערער.
זומער—רעגנס; ווינטער—שנייען,
און די יאָרן ווייטער גייען.

— — — — — — — — — — — — —

אַ פאַרשלאָסענער אין חדר,
פול מיט ביכער אָנגעלאָדן.
אַלע נעכט, אין שוואַרצקייט קוקן
גאָלד'נע שנורן דורך די לאָדן.
זלמנ'ען קען שלאָף ניט שטערן,
קליגער מערער דאַרף ער ווערן...

ווי דאָס מעסער ווערט אַלץ שאַרפער
אויף דעם שאַרפשטיין ביי דעם שלייפן,
האָט זיין מוח זיך געשליפן;

---

*) אונדזער חשובער דיכטער איז געוואָרן אַ בן־שבעים. צו דער געלעגנהייט פאַרעפנטלעכן מיר די באַלאַדע געדרוקט אין זיין בוך „לידער און באַלאַדן" אין יאָר 1923.

ביבליאָגראַפיש איז ווערט צו באַצייכענען די פאָלגענדע דערשיינונגען: 1) לידער און באַלאַדן, 1923; 2) „נאָענטע", 1932; 3) „ניגון אין ווינט", 1948; 4) „פּירות פון מיין בוים," 1959. ס'האָבן געשריבן וועגן ל.ג. אַ צאָל קריטיקער, ווי ב. ריווקין, י. גלאַטשטיין, מ. פערשלייסער, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, יאָסל קאָהן, יחזקאל בראָנשטיין, נחום סומער, א.אַ. ער איז פאַרטראָטן אין זלמן רייזענס לעקסיקאָן, און אין לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, אויך אין אַ ריי לידער אַנטאָלאָגיעס. (רעד).

ביז געקענט האָט ניט באַגרייפן
אונדזער וועלט, אַט־די ניט גליכע —
מיט די אָרעמע, און רייכע.

ווערט ער אָפגעצערט און בלייכער,
זיין פרנסה ווערט אַלץ קלענער;
די תלמידים זיינע לעצטע
לערנט ער, ווי בעסער, שענער,
איבערבויען אַ גערעכטע
דאַרף מען אונדזער וועלט, די שלעכטע.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ באַוואַקסענער איז זלמן —
זיינע קליידער — אַלט צעריסן,
דורך די לעכער זעט דאָס לייב זיך —
נאָר ער וויל דערפון ניט וויסן;
ער לויפט אום, און האַלט אין שרייען:
„אונדזער וועלט, מוז מען באַנייען!"

אַז אַ קליינער „אפיקורוס"
קרימט זיין ווילדן שרייען איבער —
נעמט ער קריצן מיט די ציינער.
פון די אויגן — טיפע גריבער —
וואַקסן זיינע בליקן גרעסער
מיט אַ שאַרף ווי פון אַ מעסער.

גרייכט זיין צאָרן איבער גרעניץ —
וואַרפט ער שטיינער — שויבן קראַכן.
ביי געוויין און שרעק פון קינדער
שטייגט זיין צאָרנדיקעס לאַכן: —
„אונדזער לעבן, אונדזער גרויען
מוז מען, מוז מען, איבערבויען!"

יידן האָבן ווייכע הערצער —
אומגליק שמעלצט זיי מיט רחמנות.
יידן צו דעם גאָט נקמה
ברענגען קיינמאָל קיין קרבנות.
האָט מען ליפן צוגעשלאָסן,
און מיט טרערן זיך באַגאָסן.

— — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל אין אַ נאַכט פון ווינטער,
אַלע פענצטער — גרויע, מאַטע,
גאַסן, שטיבער, דעכער, ליגן
איינגעוויקלט ווי אין וואַטע.
איבער זיי אַ הימל — ברייטער
הענגט מיט שטערן אַ באַקליידטער.

זלמן זעט דעם שיינעם הימל,
ווערט געשטוינט פון שיין און שטערן;
און צעוויינט זיך, אַז די שטערן
זאָלן זיין געוויין דערהערן: —
„אונדזער לעבן, אונדזער גרויען,
העלפט מיר, העלפט מיר איבערבויען"

אַז די נאַכט איז שוין אַריבער,
און די טונקעלע פאָרהאַנגען
האָט דער מאָרגן אָפגעצויגן,
און די זון איז אויפגעגאַנגען —
איז שוין טויט געלעגן זלמן
ביי דעם פלויט פון דעם בית־עלמין.

— — — — — — — — — — — — — —

אַלץ אין שטעטל ווי געוועזן:
וועגן בלאָטיקע מיט גריבער.
און עס שטאַרבן די זקנים,
און די קינדער בלייבן איבער,
און די מעשה: „זלמן לערער"
ווערט דערציילט אַלץ מער און מערער.

## יידישער לייענער!

טוט אייער קולטור חוב! קומט ניט אָפ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס'איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש — באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַבאָנענט פון „חשבון" — די איינציקע שריפט אין יידיש אין לאָס אַנגעלעס.

י. פרידלאַנד

# דאָקטאר קעסמאַן...

(דערציילונג)

— דאָקטאר קעסמאַן! אַ פרוי איז אויף דעם טעלעפאָן. זי וויל דורכאויס מיט אייך פּערזענלעך ריידן — האָט נינאַ, דעם דאָקטארס אָפיס־מיידל אים געלאָזט וויסן.

דער דאָקטאר האָט פויל גענומען דאָס טרייבל צום אויער און געפרעגט האַלב ברוגזלעך: — ווער איז דאָרט?

ס'האָט געענטפערט אַ צאַרטע פרויען־שטים:

— דאָס זענט איר, דאָקטאר וויליאַם קעסמאַן? קען איך האָבן אַ געלעגנהייט מיט אייך פּערזענלעך זיך צו טרעפן, אין אייערע פרייע שעה'ען?

— ניין, דאָקטאר, ס'איז נישט קיין קראַנקען־וויזיט. אַן אַלט־באַקאַנטע אייערע, וועלכע איר וואָלט וועלן זען, אַזוי האָף איך יעדנפאַלס...

— מיין נאָמען? ניין, ניט איצט וויל איך אייך זאָגן; אַז מיר וועלן זיך שוין טרעפן וועט איר שוין וויסן מיין נאָמען אויך...

— צווישן איינס און פיר, זאָגט איר? גוט, כ'וועל נאָך היינט קומען אייך זען. אַ גוטן...

דר. קעסמאַן האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל פון טעלעפאָן, איז געבליבן זיצן פאַר עטלעכע מינוטן אַן ערנסט־פאַרטראַכטער און אַביסל דערצאַרנט.

— ווער קאָן דאָס זיין? ווער איז די פרוי, וואָס וויל מיך פּערזענלעך זען, ניט אַלס דאָקטאר?... אַן אַלט־באַקאַנטע, זאָגט זי. פונוואַנען קומט זי און וואָס וויל זי? — האָט ער רק געטראַכט איצט, וועגן דעם נאַר־וואָסיקן געשפּרעך אויפן טעלעפאָן — וואָס ברענגט זי מיט זיך, אָט־די אומבאַקאַנטע?! האָט ער אַלץ פון דעם געדאַנק זיך ניט געקאָנט באַפרייען.

ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט נאָך מעדיטירט, ווען ניט דאָס אַריינקומען פון זיין „נוירס", דערמאָנענדיק אים וועגן זיינע פון פריער איבערגעלאָזטע פּאַציענטן, וואַרטנדיק.

* * *

דר. קעסמאַן האָט געפירט אַ גאַנץ אייגנאַרטיק לעבן. זיין לעבנס־וועג און שטייגער איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי פון זיינע קאָלעגן. שוין אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק זינט ער איז געקומען אַהער פון דער אַלטער היים: געקומען נאָך אַלס יונגערמאַן, האָט ער זיך תיכף גענומען צום שטודירן. בייטאָג געאַרבעט, ביי־נאַכט געלערנט; איבערגעטאָן כל עבודת פרך, ביז ס'איז אים ענדלעך געלונגען אויסצושטודירן אַלס דאָקטאר־מעדיקער און פרויען־כירורג. איצט ווערט ער פאַררעכנט ווי איינער פון די גרעסטע פרויען־דאָקטוירים אין שטאָט.

דאָס לערנען און פּראַקטיצירן האָט ביי אים צוגענומען דאָס רוב צייט פון זיין לעבן, אַזוי אַז ער האָט וועגן זיין פּערזענלעכן גליק, מכוח אַ תכלית און פאַמיליען־בונד כמעט ווי ניט אַ טראַכט געטאָן — ער איז פאַרבליבן אַן אַלטער בחור. געהאַט האָט ער אַ מאָדנע באַציאונג צו דעם שענערן געשלעכט. די פרוי, ווי אַזעלכע, האָט אים, ווייזט אויס, ווייניק וואָס אינטערעסירט. האָט ער זיך באַ־

צויגן צו די פרויען כמעט ווי אַפּאַטיש. אַזוי האָט זיך געקענט שאַפן דער איינדרוק וועגן אים. אַנדערע האָבן די באַציאונג זיינע צוגעשריבן צום פאַקט, וואָס זייענדיק דער גרויסער דאָקטאר־ספּעציאַליסט און האָבנדיק אין זיין פּראַקטיק כסדר צו טאָן מיט די ספּעציפישע פרויען־חלאתן, האָט די פרוי צו אים אפּנים אַנגעווארן יעדן רייץ און אַטראַקציע. אין זיין כסדר מתעסק זיין זיך מיט די פאַרבאָרגנסטע טיילן פון דעם פרויען־קערפּער, האָט עס אַפּנים מאָדנע פּסיכיש געווירקט אויף אים און כמעט ווי אַטראַפירט אין אים די לוסט און באַגער צו דער פרוי.

אין פּראַקטיק אַלס פרויען־כירורג האָט ער אויסגעפירט די מיסיע ווי אַ געשיקטער בעל־מלאכה צו זיין שטיקל אַרבעט, מיט דעם זעלביקן ערנסט אָדער גלייכגילט. זיינע פּאַציענטינס האָבן אים גערופן: דער „בייזער דאָקטאר", און דער „פרויען־האַסער". פונדעסטוועגן איז זיין פּראַקטיק געוואקסן פון טאָג צו טאָג. די פרויען זיינען געלאָפן צו אים פּונקט ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער אין שטאָט. טייל פרויען זיינען צו אים געלאָפן אויס נייגעריקייט, הערנדיק די וואונדער וועגן אים.

דר. קעסמאַן באַטראַכט זיינע פּאַציענטקעס מיט דעם ריין דאָקטאָרישן בליק און באַציאונג, אָן וועלכע עס איז זינדיקע מחשבה אפילו צו די שענסטע פון זיי. די פרויען האָבן דאָס געפילט, ממש געזען, און דעריבער האָבן זיי אים פאַרהערלעכט און זיין נאָמען בארימט געמאַכט.

דעם גאַנצן פאַרמיטאָג האָט דער דאָקטאר געאַרבעט מיט אַן אומגעדולדיק מאָדנעם געפיל. דער פרימאָרגנדיקער טעלעפאָן געשפרעך מיט דער אומבאַקאַנטער פרוי האָט עפּעס אַזוי מאָדנע אויף אים געווירקט, ס'איז אים כמעט ווי אַרויסגעשלאָגן פון זיין געוויינטלעכער רוטין. מאָמענטן האָט ער אָנגעהייבן זיך פאַרוואַרפן וואָס ער איז פּלוצלינג מיטאַמאָל מיטגעריסן געוואָרן פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער...

— וואָס בין איך וואָס, אַ צוואַנציק יאָריקער סטודענטל, וואָס כ'האָב זיך מיטאַמאָל אַזוי פאַראינטערעסירט און פאַרכאַפּט געוואָרן?...

אויף אַ מינוט־צוויי האָט ער געפּרואווט פאַרגעסן, פאַרטרייבן פון זיך דעם געדאַנק און, ווידער איז דער טעלעפאָן־געשפרעך מיט דער אומבאַקאַנטער פרוי אַרויפגעשוואומען אין זיין מוח, און בעיקר די באַלדיקע באַגעגעניש מיט איר, האָט אים באַאומרואיקט, האָט פון אים עפּעס ווי געמאַנט און צעדרודערט זיינע נערוון.

— ניין, כ'וועל זי ניט באַגעגענען — האָט ער ווי ביי זיך עקשנותדיק אָפּגעמאַכט — מעג זי זיין גאָט ווייסט ווער! כ'האָב מיר ביז איצט פון „זיי" אויסגעהיט און וועל דאָס אייגענע אויף ווייטער אָנהאַלטן. ניין, ס'איז נישט אמת, אַז זי איז מיינס אַן אַלט באַקאַנטע. ניט אַנדערש עפּעס אַן אינטריגע ווערט געפּלאַנט מיך אין אַ פרויען־נעץ אַריינכאַפּן...

אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין מוח דעם גאַנצן פאַרמיטאָג.

* * *

נאָך איידער ס'איז געוואָרן איינס דער זייגער, ווען זיינע אָפּיס־שעה'ן שליסן זיך, האָט ער אָנגעזאָגט זיין אָפּיס־מיידל, אַז אויב אַ פרוי וועט זיך אויף אים באַלד נאָכפרעגן, זאָל זי איר זאָגן, אַז דער דאָקטאר איז איצט נישטאָ.

ער איז אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַ ספּעציעלער „קייס". פאַרלאָזן דעם אָפיס האָט ער פונדעסטוועגן ניט. ער האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיין פּריוואַטן צימער און מיט אַ שטיל האַרץ־קלאַפּן האָט ער אַן אַנגעשטרענגטער, אַן אומגעדולדיקער, ווי אויף עפּעס געוואַרט...

ווען ער האָט אַ קלונג אין פּאָדער־טיר פון זיין אָפיס דערהערט, האָט ער אינסטינקטיוו אַ הויב געטאָן זיך, צוגעלייגט אַן אויער צום טיר. ער האָט געוואָלט נאָכאַמאָל די שטימע פון דער פרוי הערן. ס'האָט אים פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט אַ נייגעריקער מאָדנער פאַרלאַנג, זען דווקא די פרוי, וועלכע ער האָט נאָר־וואָס געוואָלט אויסמיידן צו זען און וועלכע האָט אָבער אין דערזעלביקער צייט אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט זיין מוח.

נאָך איידער די אָפיס־מיידל האָט באַוויזן צו זאָגן דער פרוי, אַז דער דאָקטאָר איז ניטאָ, ווי ער האָט עס איר פריער אָנגעזאָגט צו טאָן, האָט דר. קעסמאַן בליץ־שנעל זיך באַוויזן ביים טיר צו באַגעגענען די אומבאַקאַנטע. ניגאַ, דאָס אָפיס־מיידל, איז געבליבן שטיין מיט אַ האַלב אָפענעם מויל, ניט פאַרשטייענדיק גאָר אינגאַנצן דעם דאָקטאָרס האַנדלונג. דר. קעסמאַן האָט נייגעריק באַטראַכט די פרעמדע. זי קאָלט באַגריסט און אַנווייזנדיק איר אויף דער אָפענער טיר פון זיין אויפנאַם־צימער האָט ער זי נאָכגעפאָלגט און אַביסל פאַרדעכטיקט איר יעדע באַוועגונג.

איינשליסנדיק זיך מיט איר אין זיין קאַבינעט, האָט ער זי געבעטן זיצן און פאַר עטלעכע סעקונדן געוואַרט, זי זאָל אים דערקלערן דעם צוועק פון איר מיסטעריעזן באַזוך...

דאָקטאָר קעסמאַן האָט אין דעם זעלביקן מאָמענט באַטראַכט דעם אויסזען פון דער אומבאַקאַנטער פרוי: אַ שיין, כמעט ברוין מולאַטן פּנים; טיפע, שוואַרצע לאַשטשענדיקע אויגן, וועלכע האָבן ווי לעבעדיקע ווערנס אַרומגעטאַנצט פון איין זאַך אויף דער צווייטער; אַן עטוואָס פאַרריסן אויסגעטאָקט נעזל; צוויי חן־גריבלעך אין אירע ניט איבעריק אויסגעפּילטע באַקן. אַן אָריגינעל פּנים, וואָס ס'איז ווערט צו באַוואונדערן. די באַזיצערין פון דעם שיינעם פּנים איז געזעסן און געשוויגן, וואַרטנדיק דער דאָקטאָר זאָל זי דערקענען און זיך מיט איר אַרומכאַפּן, ווי זי האָט געהאָפט ער וועט עס טאָן.

דער דאָקטאָר האָט זיך געפונען אין אַ מאָדנער פאַרלעגנהייט און אויך אַביסל אָנגערעגט פון דער גאַנצער סיטואַציע: דער באַזוך פון אָט־דער אומבאַ־קאַנטער, איר שוויגן און פאַרטראַכטקייט, האָט אים שיעור ניט געבראַכט צו בייזקייט: — וואָס האָט זי זיך אַריינגעריסן צו מיר און פאַרנעמט מיין צייט? — האָט ער כמעט אַן אויפגערעגטער געטראַכט און שיעור ניט אַרויסגעפּלאַצט דערמיט. ער האָט אָבער דערשטיקט אין זיך דעם צאָרנדיקן געפיל און נאָך אַ קורצע פּויזע איז ער געוואָרן דער ערשטער איבערצורייסן די שווייגעניש...

— נו, וואָס האָט איר צו זאָגן, מאַדאַם? — האָט ער האַלב־פריינטלעך זי געפרעגט — קיין חולה, האָט איר געזאָגט, זיינט איר ניט; קורירן, זעט אויס, דאַרפט איר זיך נישט, טאָ וואָס־זשע ווילט איר?...

די פרוי האָט ווי פון חלום זיך אויפגעכאַפּט. לויט דעם טאָן זיינעם, און די כמעט אויפרעגנדיקע פראַגן האָט ער די געדאַנקען אירע מיט וועלכע זי איז

געווען אין דעם מאָמענט פּאַרנומען, איינגאַנצן צעשלאָגן. אַ דינינקער שמייכעלע האָט זיך נאָכדעם באַוויזן אין די ווינקלען פון איר קליין מויל און זי האָט ענדלעך דרייסט און מיושבדיק אָנגעהויבן דערציילן פון וואַנען זי קומט און וואָס ס׳האָט איר געבראַכט צו אים.

זיין ערשטער אימפּולס איז געווען איר ניט צו גלויבן. עס מוז ניט אַנדערש זיין ווי עפּעס אַן אינטריגע, אַ נעץ פאַר אים וויל מען פאַרשפּרייטן; אַריינכאַפּן דעם דאָקטאָר וויל מען, דעם רייכן אַלטן בחור זוכט מען, האָט ער מאָמענטנווייז געטראַכט.

אָבער וואָס מער די שיינע סימפּאַטישע פרוי האָט גערעדט צו אים אַלץ מער איז ער מיט געריסן געוואָרן. דאָס וואָס זי האָט אים איצט דערציילט איז צו אים געקומען אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז ער האָט זיך קוים געקענט אָריענטירן. זי האָט אים אַוועקגעפירט איצט צוריק צו זיין יוגנט, איינצלהייטן און אַזעלכע זיסע זכרונות, וואָס זיינען שוין ביי אים כמעט ווי פאַרגעסענע, האָט זי פאַר אים אויפֿגעלעבט: זיין אַלטע היים, איר באַקאַנטשאַפט מיט אים. עפּיזאָדן פון זייער יוגנט, ווי זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, ניט פאַרפעלט צו דערמאָנען אַ געוויסע אינטימע באַציאונג זייערע... דערציילנדיק איז די פרוי אַליין אויך מיטגעריסן געוואָרן פון איר אייגענער דערמאָנונג פון דורכגעלעבטע מאָמענטן. עס האָט איר אין יענעם מאָמענט אַוועקגעפירט צו יענער צייט און אָרט...

דאָקטאָר קעסמאַן איז געזעסן פאַרגאַפט אויסהערנדיק אירע און זיינע רעוועלאַציעס. ער האָט געוואָלט זיך דערמאָנען דעם נאָמען פון אָט־דער אומבאַקאַנטער און דאָך אַזוי צו אים נאָענטע פרוי, און בשום אופן ניט געקענט אויף דעם מאָמענט זיך דערמאָנען...

פאַר די פינף־און־צוואַנציק יאָר זינט ער האָט זיין היים פאַרלאָזן, האָט דר. קעסמאַן איבערגעריסן מיט אַלץ און אַלעמען פון זיין אַלטער היים. זיין כסדרדיקער לערנען און גריבלען זיך אין ביכער, זיין פאַרנומען זיין מיט דער פּראַקטיק האָט אים אַוועקגעריסן פון אַלע שפּורן פון זיין יוגנט און ער האָט פאַרגעסן אפילו אָן דער, וואָס האָט אין אים זיין ערשטע ליבע דערוועקט. די פּלוצלינגע דערמאָנונג פון זיינע יוגנטלעכע זכרונות האָבן מיטאַמאָל דערוועקט אין אים נייע געפילן. ער האָט איצט געוואָלט וואָס מער הערן איר דערציילן, איינזאַפּן אין זיך די פאַרגאַנגענע יוגנטלעכע איבערלעבונגען. אָט־די נאָסטאַלגיע האָט אים פאַרשאַפט אַ געוויסע פרייד פון ווייטע בענקענדיקע פאַרלאַנגען...

— געדענקט איר, וויליאַם — האָט זי אים פריינדלעך און האַלב־שעמעוודיק דערמאָנט אין אַן עפּיזאָד פון זייער פריִעסטער יוגנט, וואָס ניט ער און ניט זי וועלן ווען עס איז די דורכגעלעבטע פּאַסירונג קענען פאַרגעסן:

— ס׳איז געווען אין די לעצטע טעג פון אונדזער אומדערוואַרטעטער שיידונג, אַ פרייטיק צונאַכטס איז עס געווען. איך געדענק עס ווי איצט. נאָך וועטשערע זיינען מיר ביידע שפּאַצירן געגאַנגען. אַהיים קומענדיק איז שוין דאָס גאַנצע הויזגעזינט געשלאָפן. אייער מוטער, עליה השלום, אייער שוועסטער און שוואָגער, מיין שוועסטער און שוואָגער — אַלע האָבן מיר געוואוינט אין איין גרויסער שטוב. דאָס גאַנצע הויז איז געווען איינגעהילט אין אַ שווערן טיפן שלאָף. איר האָט פאַר מיר פאַרגעלייענט אין דער שטיל עפּעס אַ מעשהלע. מיר

זיינעןביידע געזעסן אויף דעם ברעג פון מיין בעטל, זייער נאָענט. מיר האָבן געפילט אויף זיך אונדזערע אָטעמס; אונדזערע יונגע הערצער האָבן געקלאַפּט איינצייטיק אין גלייכן ריטם. מיר זיינען באַהערשט געווען פון איין רעגונגס־געפיל און באַגער... די בענטש־ליכט אין עס־צימער זיינען לאַנגזאַם און צוביסלעך אויסגעגאַנגען. דאָס לעמפּל אין צימער האָט אָנגעהויבן צוואַנקען, צאַנקען; דאָס גאַנצע הויז איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ שלאָפנדיקע, געדיכטע פינצטערניש. די פינצטערניש האָט נאָך מער אונדזער יונג בלוט צעצונדן... מיר זיינען ווי פאַר־שיכורט געוואָרן פון אונדזער ליבע, באַטרונקען פון יוגנט־גליק און ליבע באַגערן.

— אין אָט דעם הייסטן מאָמענט פון אונדזער העכסטן ליבע עקסטאַז, האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס ניט איך און ניט איר וועלן דאָס ווען עס איז גאָר קענען פאַרגעסן... געדענקט איר, וויליאַם, אַז אין יענעם מאָמענט האָט עמיצער אַ שטיין אין די לאָדן פון מיין פענצטער געוואָרפן? דערשראָקענע, אויפגעציטערטע פון דעם פאַל, זיינט איר אין איין אויגנבליק צו זיך, צו אייער געלעגער אַוועקגעלאָפן... דאָס גאַנצע הויזגעזינט האָט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט, ס'איז געוואָרן אַ געוואַלד, אַ טרעוואָגע. מיין שוועסטער האָט צעשראָקן געשריגן: אַ גנב, אַ גנב! און מיר, יעדער ביי זיך אויף די געלעגערס, איינגענורעט, איבערגעדעקט, געמאַכט זיך שטאַרק שלאָפנדיק, אָבער מיט איין שטורעמדיקן געפיל, מיט קלאַפּנדיקע יונגע הערצער פון אָן אויפפלאַמענדיקע איבערלעבונג... קינדערשע זכרונות! ניט אמת?

אויף מאָרגן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דאָס שיינע „שפּיצל" האָט מיין שוואָגערל אָפּגעטאָן... אַ נידריקער נפש געווען; פלעגט מיר תמיד מיט ליבע־ריידעלעך פאַרפאָלגן. דאָס האָט ער געוואָלט זיך אָן אונדז נוקם זיין, אונדזער נאָענטשאַפט צעשטערן... אין הויז האָבן שוין נאָכדעם אַלע געוואוסט. אייער מוטער, וועלכע האָט געהאַלטן אָן אויג אויף אונדז, מחמת אונדזער צוגעבונדנקייט און נאָענטקייט, האָט די גאַנצע צייט עפּעס ווי ניט ווייסנדיק געמאַכט זיך מכוח דעם עפּיזאָד. עפּעס האָט זי יאָ געוואָלט עס זאָל זיין צווישן אונדז אַ שידוך, כאָטש דער יחוס איז איר אָפּנים ניט איבעריק געווען צום האַרצן, נאָר דער געדאַנק, אַז זי וועט נאָך דערלעבן אין אייך נחת און מיר'ן האָבן אָן אייניקל פאַר איר, נאָך וואָס זי האָט שטאַרק געבענקט, האָט זי פאַרבויגן אַביסל איר יחוס און שטאָלץ און האָט שטיל כמעט מסכים געווען.

— אַלע האָבן וועגן אונדזער באַציאונג געוואוסט, ס'איז שוין מער קיין סוד ניט געווען. מיין שוואָגער האָט זיך שוין באַמיט מ'זאָל וויסן... כמעט אַלע אין „געסל" האָבן מיר פאַרפאָלגט. די בחורים האָבן מיך ממש מיט די אויגן אויפ־געגעסן; די עלטערע האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ חצופה, אַ זינדיקע.

— גלייך נאָכדעם האָט זיך אייער „פּריזיוו" אונטערגערוקט. אייער מוטער, מורא האָבנדיק מ'זאָל אייך פאַר אַ סאָלדאַט צונעמען, האָט זי אייך קיין אַמעריקע אַוועקגעשיקט. אַזוי זיינען מיר צעשיידט געוואָרן. און... פון דאַן אָן האָב איך פון אייך ביז דעם איצטיקן מאָמענט ניט געהערט...

— נו, געדענקט איר מיך? — האָט זי פאַרענדיקט אירע און זיינע זכרונות...

כאָטש פאַר דעם דאָקטאָר איז איצט קלאָר געווען, אַז נעבן אים זיצט איצט די, וועלכע האָט אין אים די ערשטע ליבע געפילן דערוועקט, און וועלכע האָט מיט לייב און נשמה זיך אים איבערגעגעבן, דאָך האָט ער באַין אופן אויף דעם

מאָמענט ניט געקענט זיך דערמאָנען איר נאָמען. ער האָט שטאַרק אָנגעשטרענגט זיין בליק, אַט אויף איר עטוואָס אָפענעם בוזעם, אַט אויף איר פייערלעך שיין פּנים, און שטום, ווי בעטנדיק ביי איר: — זאָג מיר דיין נאָמען!...

אים האָט מוראדיק ווײ געטאָן און פאַרדראָסן, פאַרוואָס זאָל ער האָבן איר נאָמען פאַרגעסן. ער האָט זיך געפונען איצט אין אַ מאָדנער פאַרלעגנהייט. זי האָט זיך אויך געפילט אַביסל פאַרדראָסיק און כמעט ווי באַליידיקט פון דעם, וואָס ער האָט פאַרגעסן אָן איר און אין איר נאָמען. זי האָט אָבער געזען אויף זיין צער׳פולן פּנים, אַז אין די געציילטע אָנגעשטרענגטע רגעס, אין זיין שטילן שעפּטשען זיינעם, וועט ער דאָך אַרויסברענגען אויף זיינע ליפּן איר נאָמען, וואָס זי האָט אַזוי גערן געוואָלט פון אים הערן...

זי האָט איצט ליבלעך געקוקט אויף אים, און האָט איידל גענומען זיין פינגער אין איר האַנט און מיט דעם פינגער אויף דעם פּאָלירטן שרייבטיש צייכענונגען פון איר נאָמען געשריבן. דר. קעסמאַן האָט נאָכגעפאָלגט איר פינגער באַוועגונג און מיטאַמאָל, ווי אַ באַגייסטערטער יונגליג וואָס האָט געטראָפן אַ רעטעניש, האָט ער פריידיק אויסגערופן — מ אַ נ י אַ !... דאָס ביסטו, מאַניאַ ?

— אָ, ווי גליקלעך כ׳בין אַצינד, מאַניא, וואָס דו האָסט זיך צו מיר באַוויזן. כ׳האָב ניט איין מאָל אַ טראַכט געטאָן, ווי וואונדערלעך גוט ס׳וואָלט געווען מיר זאָלן זיך נאָכאַמאָל אין לעבן צוזאַמענטרעפן; כאָטש כ׳האָב וואָס אַ יאָר פון אונ־דזער צעשייד, אַלץ מער די האָפענונג פאַרלאָרן, און דאָ מיטאַמאָל, אַזאַ צופאַל, אַזאַ צופאַל !...

— זע נאָר, זע ! — האָט דער דאָקטאָר לייכט און ליבלעך אָננעמענדיק מאַניאַן ביי אירע אַקסלען, באַגייסטערט אויסגערופן: — דו זעסט דאָך אויס טאַקע נאָך גאָר יונג !...

— נו, דערצייל, מאַניא טייערע, וואו האָסטו פאַרבראַכט אַט־די אַלע לאַנגע יאָרן? וואו האָט דער שיקזאַל דיך פאַרוואָרפן? ווי אַזוי האָסטו מיך ענדלעך אויסגעפונען? און וואָרום האָסטו מיך ביז איצט ניט אויפגעזוכט?!...

—מאַניאַ ! — האָט דער דאָקטאָר נאָכאַנאַנד, ווערנדיק וואָס מער באַגייס־טערט, גערעדט: — האָסט מיט זיך געבראַכט צו מיר אַ שטראַל פון פרייד און האָפענונג אין מיין איינזאַמען לעבן; האָסט אין מיר אויפגעוועקט לאַנג פאַר־געסענע זכרונות, יוגנט חלומות און אַ לעבנס־לוסט, וואָס איז אין מיין גרויס פאַרנומענקייט געווען פאַרגעסן און אַטראָפירט. יאָ, מאַניאַ, ביסט געקומען צו מיר אין אַ מאָמענט פון איזאָלירונג און כמעט רעזיגנאַציע.

— ווייסט, מאַניאַ, אַז איך האָב ביז איצט די „פרוי" פון זיך ווי פאַרוואָרפן! עפּעס אַזוי ווי צווישן מיר און דער „פרוי" האָט זיך תמיד דער „דאָקטאָר" אַריינ־געמישט... ווער ווייסט, ווען ניט דער גליקלעכער צופאַל וואָס דו ביסט נאָכאַמאָל דערשינען אין מיין לעבן, צי איך וואָלט ווען עס איז צו זיך געקומען און געביטן מיין ביז איצטיק שטייגער לעבן?...

ביידע האָבן זיך וואָרעם־האַרציק אַרומגענומען; איינשליסנדיק זיך איינע אין די אַנדערע, האָט אַ לאַנג־אָנגעהאַלטענער קוש פאַרזיגלט זייער באַנייטע פריינדשאַפט און ליבע, און האָבן אָנגעהויבן דעם המשך פון זייער פרי„איבער־געריסענער יוגנט־ליבע...

**מלכה לי**

# מיכל ליכט—דער פּאָעט

ע ר איז געווען אַ פּרינץ אין אַלע זיינע שעה'ען,
אַ ליכטיקער מיט אויגן בלוי.
איך זע אים נאָך אין טאָג דעם בלויען—
האַנט אין האַנט שפּאַנען מיט זיין פרוי...

ער האָט געלעבט אין אַ וועלט פון קלאַנגען,
פון שובערט, בעטהאָווען, און פון בראַמס.
פּונקט ווי זייער קלאַנג איז ניט פאַרגאַנגען
האָט ער זיין שיינקייט מיט אונדז פאַרפלאַנצט...

ער איז געווען אַ פּרינץ פון יידישע פּאָעטן,
כאָטש זיין ליד איז פרעמד געווען צו אונדזער טעם...
איז ער געווען דער שענסטער פון עסטעטן—
און איינגערינגלט זיך אין קרוין פון אונדזער שטאַם...

# אויפן בוים פון מיין לעבן

אויפן בוים פון מיין לעבן הענגט אַ זוניקער צווייג
מיט פירות צעגרינטע און בונטע,
מיט אַלץ וואָס לעבט, מיין ליד איז פאַרצווייגט—
איך שענק זיי די פירות באַזונטע...

אויפן בוים פון מיין לעבן, דורך טעג און דורך נעכט,
איך האָב זיי גענערט מיט מיין אָטעם
די פירות זיי זאָלן ניט ווערן פאַרשוועכט
פון שטורעמס און ווינטן פאַרשאָטן...

אויפן בוים פון מיין לעבן צערייפט איז דער צווייג,
זיס-ביטער זיי זיינען די קערנער,
מיט אַלץ וואָס לעבט מיין ליד איז פאַרצווייגט,
טרעט ניט אויף לידער ווי דערנער!

**פינטשע בערמאַן**

# אפשר איז ניטאָ קיין טויט

(מיין האַרציקן פריינט, דעם דיכטער לוי **גאָלדבערג** געווידמעט,
צו זיין ווערן אַ בן־שבעים)

אפשר איז ניטאָ קיין טויט! —
ס'איז פאַראַן נאָר ליד און לעבן,
און די הימלשע געוועבן,
און דעם צדיק'ס שטילע פרייד....

אפשר איז ניטאָ קיין טויט! —
ווען צו רוען, צייטן קומען
פאַר עבליטע פרוכט און בלומען —
איז דער זאָמען לאַנג שוין גרייט...

אפשר איז ניטאָ קיין טויט! —
ס'איז פאַראַן נאָר רו באַגערטע,
און אַ חלום, ניט-געשטערטער
אין „סאָד פון אייביקייט" פאַרזייט...

אפשר איז ניטאָ קיין טויט! —
קומען ווייען, קומען פיינען —
הייבט אָן לעבן מער צו שיינען,
מיט אַ לויטער ליכט באַגלייט...
אפשר איז ניטאָ קיין טויט!

# איך וועל וואַרטן

„... אַף על פּי שיתמהמה — אחכה לו..."

איך וועל וואַרטן, איך וועל וואַרטן
אויפן אויפברויז פון דער בלום,
אויף דער וואָר, פון טרוים געגאַרטן,
וואָס וועט שאַלן הויך: איך קום!

איך וועל וואַרטן, איך וועל וואַרטן
אויפן טוי, וואָס קומט פאַרטאָג,
אויפן אויפפראַל פון פאַרשפאַרטן,
און דעם נביא'ס טרייסט און זאָג.

איך וועל וואַרטן, איך וועל וואַרטן
אויפן לעגענדאַרן שווערד,
וואָס וועט גראָבן באָדן האַרטן,
און צעאַקערן די ערד...

איך וועל וואַרטן, איך וועל וואַרטן
אויפן לייב, אין פריידיק גלי,
מיטן לעם, און יינגל צאַרטן,
וואָס וועט זיי פירן, ווי די קי...

מעג געזאַנג אין האַרץ פאַרשטעלט זיין,
און פאַרשאָטנס מיין געצעלט —
איך וועל וואַרטן, ביז צעהעלט זיין
וועט די גאַנצע, גאַנצע וועלט...

אהרן ניסענזאָן

## שיר השירים*)

דער ייד עלעמענט אין דער וועלט,
איז דער אַקטיווער גאָט עלעמענט אין דער וועלט,
וואָס דרינגט אין איר אַריין אַלץ טיפער און טיפער,
ביז —
עס וועט קומען אַ טאָג,
און דער דאָזיקער עלעמענט וועט באַהערשן די וועלט.

אָ, וואָס פאַר אַ געזאַנג עס וועט דאַן אויסברעכן! —

דער אוניווערז און אַלץ וואָס אין אים,
וועלן אויפזינגען אין איין געזאַנג —
דאָס געזאַנג פון דערלייזונג.

און דער טרויער וועט זיין — ווי קיינמאָל ניט געווען;
און די פיין — ווי קיינמאָל ניט געדאַכט;
יסורים וועלן זיין — ווי קיינמאָל ניט געשען.—
ווי טאָג, וועט ליכטיקן די נאַכט.

אין יענעם טאָג, ווען גאָט וועט דורכדרינגען די וועלט;
אין יענעם טאָג, ווען גאָט וועט אויפזינגען די וועלט.

*) מיר דרוקן איבער דאָס ליד פון אונדזער חשובן דיכטער, וואָס איז דער־שינען אין לעצטן נומער „חשבון", צוליב אַ גרייז וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט. וטעות לעולם חוזר.

נח גאָלדבערג

# ס׳איז אויפגעגאַנגען די זון

(לויט אַ לעגענדע וועגן בעל־שם־טוב)

## משה וויטיעס ע״ה — אין ליכטיקן אָנדענק

שבת אינדערפרי, ווען דער שמש האָט פאַרטרויט דעם סוד איינעם פון די חסידים, אַז מוצאי־שבת קלייבט זיך דער בעל־שם אין וועג אַריין צו באַזוכן דעם „אור־גדול״, איז די אויפרודערונג אין קלויז געוואָרן נאָך גרעסער ווי אין די אינדערוואָכעדיקע טעג ביים דאַווענען.

אמת, אויפן רבינס פּנים איז נישט געווען צו מערקן, אַז די זאַך איז טאַקע אַזוי. שבת צו שחרית און אפילו ביים מוסף — האָט ער וועגן דעם קיין אָנצו־הערעניש נישט געגעבן. אָן איינגעהילטער אין טלית איז ער געשטאַנען ביים מזרח־וואַנט, אַ בליק געגעבן דורכן פענצטער, געזען מחנות פייגעלעך אַרומפליען אין דער ריינער, בלויער לופט און אויך אים — האָט עס אַ צי געגעבן אין דער וייטער, ברייטער וועלט.

נאָר באַלד האָט ער פאַרטריבן פון זיך דאָס געפיל און אָנגעהויבן דאַווענען מיט מער ברען און התפעלות ווי פריער; צוגעקנאַקט מיט די פינגער צום טאַקט פונעם ניגון, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן קלויז. נישט זעלטן אויסגעדרייט זיך צום געדיכטן עולם מתפללים און אויף זיין פּנים איז אַ שטראַלנדיקע זעליקייט אויפגעגאַנגען, ווי דער רוח־הקודש וואָלט אויף אים גערוט.

אָבער פאַרנאַכט, אַז מען איז זיך צוזאַמענגעקומען צו מנחה און דער בעל־שם האָט זיך אין טיר באַוויזן, האָט מע גלייך געקאָנט זען, אַז ער איז פאַרזאָרגט. די באָרד איז ביי אים געווען אַביסל פאַרשאָרט אָן אַ זייט. מיט טויבע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו זיין „שטאָט״, געבליבן שטיין אַן אומבאַוועגלעכער, אַ שווייגנ־דיקער און אַריינגעוואָרפן די קלויז אין אַזאַ שטילקייט, וואָס איז פול מיט נישט אַרויסגערעדטע רייד.

סיי פון דער שטילקייט, וואָס איז דאָ געווען אַ זעלטנקייט, און סיי פונעם רבינס האַלטונג, זיינען די חסידים אומרואיק געוואָרן און קיינעם האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס מיט אים איז געשען, ווייל בייטאָג איז ער דאָך געווען פריילעך און שטראַלנדיק ווי די זון.

איז טאַקע איין חסיד, מיט אַ צעפלאָסענער באָרד און צעפליקטער קאַפּאָטע, צוגעקומען צו אַ צווייטן און געפרעגט:

— האָט ער עמיצן עפּעס דערציילט? אפשר קלייבט ער זיך גאָר צו זאָגן מוסר דערפאַר, וואָס אינדערפרי האָבן זיך אייניקע געשפּאַרט וועגן דעם, אַז אַ פּאַסטוך קאָן נישט זיין קיין „אור־גדול״?

די אומרואיקייט איז געוואָקסן מיט יעדע רגע, מיט יעדע מינוט, מיט איט־לעכן אַרויסגעזאָגן וואָרט ביי מנחה. נאָר פונעם בעש״ט׳ס נישט ריידן איז די חסידים קלאָר געוואָרן, אַז באַלד נאָך מעריב וועט זיין שווייגן צענומען ווערן, ווי עס וועט צעשניטן אַ געדיכטער וואָלקן, ווען אַ בליץ צעפּאַלמעסט אים אויף שטיקער און דער רבי וועט געוויס זאָגן וואָס עס טוט זיך ביי אים אויפן האַרצן.

אומגערעכט אין חשבון זיינען זיי נישט געווען. מחמת ווי נאָר מען האָט אָפּגעדאַוונט מעריב און דער לעצטער „אָמן" איז אויסגעאַנגען, ווי אַ יאָרצייט־ליכט, און דער בעל־שם האָט אָפּגעמאַכט הבדלה — האָט דער שמש אַ פּאַטש געטאָן אויף אַ טאָוול פון אַ פאַרמאַכטן ספר און דער רבי האָט אָנגעהויבן ריידן:

— אויף דער וועלט זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן מענטשן. צווייערליי צדיקים און למדנים. עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס יחוסענען זיך מיט זייער לומדישקייט און מיינען, אַז מען קאָן אַביסל לערנען — איז מען שוין אויך אַ צדיק... פאַראַן אָבער פּשוטע יידן, בעלי־מלאכות, בעלי עגלות, טרעגער און אפילו פאַסטעכער, וואָס קאָנען צומאָל נישט אַ וואָרט עברי און דאָך געפינען זיך צווישן זיי גרויסע צדיקים! אין אַ ווײַלע אַרום וועל איך אַרויספאָרן הינטערן שטאָט. איז אויב עמיצער וויל — קאָ ער מיטפאָרן. דאָרטן וועל איך אייך וויזן דעם „אור־גדול"...

מיט צעעפנטע מיילער זיינען די חסידים געשטאַנען און די אייגענע אויערן נישט געגלייבט. דעם רבינס ווערטער זיינען ווי בייטשן געפאַלן איבער די קעפּ. נאָר די צוויי כישוף־ווערטער „אור־גדול" האָבן געררייצט די פאַנטאַזיע און אייניקע האָבן געענטפערט: „מיר'ן מיטפאָרן"...

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר צעעפנט און מיטן בייטש־שטעקל פאַררוקט אין גאַרטל, האָט זיך אַריינגעשטעלט אַלעקסעי דעם רבינס, און אַ זאָג געטאָן:

— רבי די פורן זיינען גרייט!

אַפּריער איז אַרויס דער רבי. הינטער אים זיינען נאָכגעגאַנגען אַרום אַ מנין חסידים און אויפן בעל־שם'ס וואונק אָנגעהויבן אַריינקריכן אין די צוויי בוידן. ער אַליין איז נאָך אַ היבשע ווײַלע אַרומגעגאַנגען אַרום די פערד און געגלעט זייערע העלדזער, נאָכגעפרעגט זיך ביי די אָנטרייבער צי די געשפּאַנען זיינען אין בעסטן אָרדענונג, צי עס אַזי פאַראַן גענוג קאָרמע פאַר די סוסים, און ווען אַלץ איז אים געפעלן געוואָרן איז ער אַריין צו אַלעקסייען אין בויד און געהייסן פאָרן.

ווי דער שטייגער, האָט אַלעקסעי נישט איבערגעפרעגט וואוהין. אַ שווייגנדיקער האָט ער אָנגעפּראָפּט די ציבוק מיטן טיטון, אַרויסגעשלאָגן פייער פון אַ קרעמניצע, פאַררויכערט, גענומען די לייצעס אין די הענט, אַ קנאַל־געטאָן מיט דער בייטש אין דער לופטן און די רעדער האָבן זיך אַ קייקל געטאָן אַ פריער פּאַמעלעך און דערנאָך אַלץ גיכער און גיכער.

די צוויי בוידן האָבן ווי ווינטן געשניטן די שטאָט און כאָש די בעלי־עגלות האָבן די סוסים נישט געטריבן, האָבן זיך אָבער די רעדער געאײַלט אָנצויאָגן איינס דאָס אַנדערע. אָט־אָט וועלן די הינטערשטע רעדער דעריאָגן די פאָדערשטע און זייערע אייזערנע שינעס וועלן זיך צעקושן... דערווײַלע זיינען הייזער נאָך הייזער און גאַסן נאָך גאַסן אַנטקעגן־געלאָפן די בוידן און אויף זייער שטייגער מקבל־פּנים געווען דעם רבין מיט זיינע חסידים.

דער וועג איז געווען אַ ווייטער און אַ שווערער. ווי נאָר מען איז אַרויסגעפאָרן הינטערן שטאָט און די רעדער האָבן אַ לעק־געטאָן די פעלדיקע קאָלייעס, איז דאָס זאַמד טיפער געוואָרן. די פערד האָבן איינגעהאַלטן די טריט, באַדעקט געוואָרן מיט אַ ווייסע פינע, שווער געסאָפּעט, געוואָרפן מיט די דעכוועס און האַרט געשפּאַרט זיך אויף די כאָמוטן.

דערזען אַז די סוסים גייען נישט אין שפּאַן ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווי עס פּאַסט פאַר דעם הייליקן רבין מיט זיינע געהויבענע מקורבים, האָט אַלעקסעי פאַרהויבן די בייטש און מיטן גאַנצן כּוח געוואָלט אַ קאַטעווע טאָן די פערד איבער די פּלייצעס. נאָר אין דער רגע האָט אים דער בעל־שם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און נישט דערלאָזט:

— ס'טייטש! פון די פערד ציסטו דאָך חיונה, איז פאַרוואָס קומט זיי נאָך צו ווערן געשלאָגן? אַגב, איז נישטאָ וואָס צו איילן זיך. אַהין דאַרף מען אָנקומען ערשט אַ שפּראַץ אויף טאָג...

נאָכדעם האָט דער רבי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון בויד, באַטראַכט דעם וועג, אַ בליק געגעבן אויפן אויסגעשטערנטן הימל און געבליבן זיצן אַ פּאַר־קלערטער, און ווי ער איז זיך אַזוי געזעסן אַ פאַרטראַכטענער אין ווייטע מחשבות, האָט ער מיטאַמאָל פאַרצויגן אַ ניגון, וואָס האָט געפלייצט ביי אים פונעם האַרצן ווי אַלטער, גוטער וויין פון אַ דעמבענער כּלי... די חסידים זיינען וואַך געוואָרן, אויפגעכאַפּט דעם רבינס ניגון און מיטגעהאָלפן, אַפריער שטילערהייט און דערנאָך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. אפילו אין דער אַנדערער בויד האָט מען אָנגעהויבן זינגען און צוגעקנאַקט מיט די פינגער:

— „איידילידי־באַם! איידילידי־באַם! איידילידי, איידילידי, איידילי־באַם!

כּאָטש דאָס זאַמד איז איצט אַ סך פליטקער געוואָרן, פונדעסטוועגן זיינען די פערד נאָך אַלץ געגאַנגען פוס־טריט, פריילעכע געשמיסן מיט די עקן און רעכטס און אויף לינקס. די רעדער האָבן צוגעסקריפּעט צום טאַקט. אפילו דאָס פעלד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון ביינאַכטיקן דרימל און אָפּגעענטפערט מיט טויזנטער קולות פון זשאַבעס, פון גראַז־שרייערס און עס איז אויסגעקומען ווי אַ גרויסע קאַפּעליע וואָלט געשפּילט אויף פאַרשידענע כּלים און באַגלייט דעם רבינס ניגון.

מיטן גאַנג פון די שעה'ן איז דאָס געזאַנג שטאַרקער, העכער און לעבעדיקער געוואָרן. די פאַרער האָבן געזונגען מיט ברען, מיט אימפּעט, פאַרגאַנגען זיך אויף די העכסטע טענער און שיעור נישט אונטערגעשפּרונגען אין די בוידן.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז פון ווייטן האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן דער סילועט פון אַ וואַלד און די פערד האָבן אַ פאַרכקע געטאָן מיט די נאָזדרעס צום דערשמעקן בי אויפן וועג איז קיין געפאַר נישטאָ, דעמאָלט זיינען די חסידים אַנטשוויגן געוואָרן. מיט ציטער אין די הערצער האָבן זיי געקוקט אויפן וואַלד און געזען, אַז וואָס אַ רגע, אַ מינוט, שיילט ער זיך אַרויס אַלץ בולטער, ווערט קאַנטיקער און ווארפט־אָן אַ פּחד.

געמיינט האָבן זיי, אַז דורכן וואַלד וועט מען נישט דורכפאָרן. ער וועט געוויס אָפּלויפן אָן אַ זייט, אַוודאי אויף רעכטס. דעריבער האָבן די חסידים דעם רבין גאָרנישט געפרעגט און טיף אין די הערצער געגלייבט, אַז דעם וואַלד וועלן זיי סוף־כּל־סוף אויסמיידן.

אָבער ווי איבערראַשט זיינען זיי געוואָרן, ווען די פורן האָבן זיך צוגעקערעוועט האַרט צום וואַלד און די בעלי־עגלות האָבן אָפּגעשטעלט די פערד. דעמאָלט האָט זיך דער רבי אויפגעהויבן פונעם היי, אַרויסגעשטיגן פון בויד, אַ קוק־געטאָן אויפן האָריזאָנט און געזאָגט:

— פונדאַנען־אָן וועלן מיר גיין צופוס; שטילערהייט דאַרף מען דערגרייכן דאָס אָרט וואו דער „אור־גדול“ געפינט זיך. דאָרט וועלן מיר זיך באַהאַלטן הינטער ביימער און פון וויטן זען וואָס ער וועט טאָן... איצט — קומט; שוין באַלד גרויסער טאָג; אָבער עס מוז זיין שטיל...

דורכן וואַלד זיינען זיי געגאַנגען האַרט איינער נעבן אַנדערן און מיט מורא אין די הערצער איינגעהערט זיך צום וואָיען פון אַ וואָלף. אַראָפּגעפאַלענע בלעטער און טרוקענע צווייגלעך האָבן געשאָרשקעט און געקנאַקט אונטער די טריט. פון צייט צו צייט איז דורכגעפלויגן אַ נאַכט־פויגל און מיט די געזונטע פליגלען צעפּאַטשט די פאַרטאָגיקע לופט.

ווען עס וואָלט ליכטיק געווען, וואָלט מען געקאָנט זען ביי די חסידים אויף די פּנימער, אַז אָן דעם בעל־שם וואָלטן זיי זיך נישט אַרויסגעלאָזט אויף אַזאַ „געפערלעכע“ נסיעה... ווייל גייענדיק האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז פון יעדן קוסט וועט באַלד אַרויסקריכן אַ שלאַנג, אַריסשפּרינגען אַ וואָלף. נאָר דעם בעל־שם׳ס געשטאַלט, וואָס האָט זיך באַוועגט אַביסעלע פאָראויס, האָט זיי אָנגעהויכט מיט זיכערקייט, אַז קיין בייז וועט נישט געשען.

און אָט איז אויפגעגאַנגען דער פאַרטאָג. צווישן די צווייגן האָט זיך באַוויזן דער הימל, ווי דורך אַ רעשעטע און עס איז ליכטיקער געוואָרן. דער וואַלד — שיטערער. די ביימער, וואָס זיינען פריער געווען אַזעלכע מוראדיקע הויכע און געדיכט פאַרצווייגטע, זיינען איצט געשטאַנען קליינע, דאַרע און שיטערע, און קיין קוסטעס איז בכלל נישט געווען צו זען. דאָס וואָלפישע וואָיען איז אָפּגעשטאָרבן. דערפאַר אָבער האָבן זיך כאָרן פייגעלעך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אָנגעהויבן זינגען אַ שירה צום „אייביקן“ און פאַר די חסידים איז דער וועג גרינגער געוואָרן.

אמת, גיין ווייט אין טאָג אַריין איז זיי נישט אויסגעקומען, מחמת באַלד זיינען זיי צוגעקומען צו אַ פלאַכער לאָנקע, וואָס האָט אין דערמיט געהאַט אַ קליינע „סאַזשעלקע“, אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער פאַרטאָגיקער הימל און אָפּגעטובלט דעם גרינעם מאָרגנשטערן און איבערגעקערט די אַרומיקע ביימער — מיט די קעפּ אויף אַראָפּ...

נישט ווייט פון דאָנען זיינען אַרומגעגאַנגען שעפסן און געצופּט דאָס גראָז. דערפילט אַז מענטשן זיינען דערביי, האָבן אייניקע אויסגעדרייט די קעפּלעך צום וואַלד, ווי זיי וואָלטן געפרעגט: „ווער זיינען דאָס די צוויי־פיסיקע באַשעפעניש, וואָס שפּילן זיך אין פאַרטאָגיקע באַהעלטענישן?“...

אויף אַ קליין בערגל, דערנעבן, איז געלעגן און געשלאָפן, משה פאַסטוך, אַ ייד אין די פערציקער יאָרן, מיט אַ לאַנגער שוואַרצער באָרד. אָן איינגעוויקלטער אין אַ קאָלירלאָזן מלבוש האָט ער אפילו נישט געהערט דאָס מעקען פון זיינע שעפסן, ווי קיין זאַך וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען אַ חוץ דעם שלאָף, וואָס האָט אים אין אַנדערע וועלטן אַוועקגעטראָגן, אין וועלטן אַזעלכע, וואו עס געפינען זיך גרויסע בתי־מדרשים מיט לאַנגע טישן, אַרום זיצן יידן און לערנען, און אויך ער, משה פאַסטוך, זיצט דאָרט צוזאַמען מיט די צדיקים און לערנט תורה...

ווען די חסידים האָבן דערגרייכט די לאָנקע, האָט זיך דער בעל־שם אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן די האַנט, אַ צייכן געגעבן אַז מען זאָל זיך באַהאַלטן הינטער

ביימער און נישט ריידן, נישט נתפעל ווערן פון דעם, וואָס זיי וועלן באַלד זען און בלויז קוקן אויפן שלאָפנדיקן פּאַסטוך.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און, צו זייער שטוינונג האָבן די חסידים דער־זען: דער פּאַסטוך איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דער „סאַזשעלקע״, מיט אַ שטיקל אויסגעבויגענע קאָרע פון אַ בוים — אָנגעשעפּט אַביסל וואַסער, אָפּ־געגאָסן די נעגל, די הענט אָפּגעווישט אין גראָז, פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל און מיט אַ גראָבן קול אָנגעהויבן צו ריידן:

—„אַ גוט־מאָרגן דיר, טאַטע זיסער! דו ווייסט דאָך, רבונו־של־עולם, אַז דאַוונען קאָן איך נישט. נו? וועל איך עפּעס זינגען צוליב דיר... אוי טאַטעניו האַרציקער, אוי, טאַטעניו קרוין; אוי, לאָז דיינע שעפעלעך אין פעלד ניט אַליין״!..

אַז ער האָט פאַרענדיקט דאָס ליד איז ער אַריינגעפאָרן אין אַ צווייטער, אין אַ דריטער. וואָס מער ער האָט געזונגען, אַלץ מחיהדיקער און נשמהדיקער זיינען זיי אַרויסגעקומען. נאָר די חסידים הינטער די ביימער האָבן מיט די אַקסלען געהויבן:

משה פּאַסטוך האָט נעבעך נישט געוואוסט, אַז מענטשן באַהאַלטן זיך הינטער ביימער אין וואַלד, היטן יעדן ריר זיינעם און קוקן מיט ביטול אויף זיין תפילה טאָן צו גאָט. און ווען די לידער האָבן זיך ביי אים אויסגעזונגען, האָט ער ווידער פאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל:

—„וואָס נאָך קאָן איך טאָן פאַר דיינעטוועגן?... דו ווייסט דאָך, טאַטע זיסער, אַז דאַוונען קאָן איך נישט! נו? — האָב איך דיר לידער געזונגען... איז האָב קיין פּאַראיבל נישט פאַר מיין פּראָסטקייט... יאָ, גאָר פאַרגעסן, אַז איך קאָן אַביסל טאַנצן; איז אויב דו ווילסט — וועל איך טאַנצן פאַר דיין כבוד־וועגן...

און נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם בגד פון די פּליי־צעס, אַראָפּגעצויגן די שטיוול, די פיס אָפּגעטובלט אינעם ריינעם וואַסערל, שטיי־פער פאַרצויגן דעם פּאַסיק אַרום די לענדן און אָנגעהויבן טאַנצן. און בשעת־מעשה האָט ער געמאַכט פאַרשיידענע העוויות. וואָס אַ רגע איז דער טאַנץ אַלץ פלאַמיקער געוואָרן. דער טענצער האָט זיך געדרייט גיך און גיכער און אַלץ געקוקט צום הימל . . .

די שעפּסן האָבן זיך נישט אומגעקוקט אויפן טאַנצנדיקן פּאַסטוך און געצופּט דאָס גראָז, ווי פאַר זיי וואָלט דאָס קיין נייעס נישט געווען. דער טענצער איז געשפּרונגען, געשטעלט אַ פוס איבער אַ פוס, געטאַנצט מיט כוונה און ברען, נאָר אָט איז ער אַ פאַרמאַטערטער אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים אַרויף:

— מער רבונו־של־עולם, קאָן איך גאָרנישט טאָן... איך האָב דיר לידער געזונגען און געטאַנצט. איך ווייס, אַז אַזאַ סאָרט דאַוונען איז גאָרנישט ווערט, נאָר אַנדערש קאָן איך נישט. אפילו צדקה געבן איז ניטאָ וואָס... יאָ! איך האָב געהערט זאָגן, אַז יידן האָבן עולם־הבא, איז אויב אויך איך האָב כאָטש אַ קליין שטיקעלע עולם־הבא — גיב איך דאָס דיר אַוועק!...

ווען די חסידים האָבן דערהערט, אַז דער פּאַסטוך האָט אָפּגעגעבן זיין חלק עולם־הבא, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרן. אין דער רגע האָבן זיי דערפילט ווי קליין און נישטיק עס איז זייער למדנישקייט און צדקות אַנטקעגן דער תמימות

פון דעם „אור־הגדול״—ווייל צו אַזאַ הויכער מדרגה זיינען זיי נאָך נישט דער־גאַנגען, און אַראָפּגעפאַלענע ביי זיך, אויסגעמיטן צו קוקן איינער אויפן אַנדערן.

און דער בעל־שם־טוב? כאָטש ער אַליין האָט אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז מען זאָל נישט ריידן, כדי דער „אור־הגדול״ זאָל זיי נישט דערהערן און באַמערקן, האָט ער אַליין נישט געקאָנטביישטיין דעם נסיון און אַרויסשלייכנדיק זיך פון זיין באַהעלטעניש, איז ער מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צום פּאַסטוך און אים די האַנט געגעבן:

— שלום־עליכם, אור־גדול! דו ביסט אַ גרויסער צדיק! דיין תפילה איז אָנגענומען ביים רבונו־של־עולם. בעט איך דיר: ווען דו וועסט אַמאָל קומען אין שטאָט, זאָלסטו מיין שוועל נישט אויסמיידן... איצט מוז איך גיין. זיי געזונט און געבענטשט — אָמן!

דער „אור־גדול״ איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, מורא געהאַט אויפצוהייבן די בליקן, ווייל אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין מענטש, נאָר אַ מלאך, וואָס איז פון הימל אַראָפּ און צוריק פאַרשוואונדן געוואָרן.

דערווייל איז דער בעל־שם, אַ שטראַלנדיקער און אַן אויפגעלויכטענער צוגעקומען צו זיינע באַהאַלטענע מקורבים און אַ וואונק געגעבן, אַז ס'איז שוין צייט צו פאָרן אַהיים.

איצט האָט דער וואַלד געשפּרודלט מיט לעבן. די פייגעלעך האָבן נאָך אַלץ שירה געזונגען און די חסידים האָבן גאָרנישט באַמערקט ווי גיך זיי זיינען צוגע־גאַנגען צו די בוידן.

אַז זיי האָבן זיך ווידער צעטיילט אין צוויי פּאַרטיעס, אַריינגעקראָכן אין די בוידן, איינגעמאַשטשעט זיך אינעם היי און די רעדער האָבן זיך נאָכאַמאָל אַ קייקל געטאָן איבערן פעלד, האָט דער בעל־שם אַ פאַרשנדיקן קוק געגעבן אויף די חסידים און גאָרנישט געזאָגט. בלויז זיינע טיפע, ליכטיקע אויגן האָבן גערעדט אויף זייער אייגענעם לשון: „אָט דאָס איז אַן אמתער צדיק״...

אַהיבשע ווײַלע איז ער געזעסן אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרכמורעטער. דערנאָך אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק און געזען: די זון איז אויפגעגאַנגען ווי אַ גרויסער, גילדערנער קירבעס און אָפּגעפאַרבט דאָס גאַנצע פעלד אויף גאָלד.

בלויז דער וואַלד איז געבליבן שטיין — אַ טונקעלער און אַ פאַרבאָרגענער, און דער רבי האָט אַ קלער געטאָן, אַז דאָרטן אין וואַלד איז געבליבן אַ גרויסער צדיק, וואָס קאָן צומאָל נישט אַ וואָרט עברי, נאָר זיין האַרץ איז געוועבט פון די ריינסטע גאָלדענע פעדים; און וועט העלן אין דער וועלט, ווי די ערשט־אויפגייענדיקע זון.

פון דעם געדאַנק האָט זיך ביים בעל־שם־טוב אויף די שפּיץ־באַקן אַ רויטלעכע פאַרב געשטעלט. דאָס האַרץ איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט פרייד, וואָס צום כלל־ישראל איז צוגעקומען נאָך אַ צדיק. און דער רבי האָט זיך ווידער צעברומט, נאָר דאָס מאָל — אונטערן נאָז:

— איידידילי־באָם! איידידילי באָם! איידידילי, איידידילי, איידידילי באָם!..

א. גאָלאָמב

# תורה יום־טובים

איך ווייס ניט, צי עס זיינען ביי אַ צווייטן פֿאָלק פֿאַראַן יום־טובים פֿאַרבונדן מיט זיין תורה, אויב אַזאַ איז גאָר דאָ ביי עמיצן פֿון אַלע פֿעלקער. אונדזערע צוויי יום־טובים זיינען שבועות און שמחת תורה. ביידע זיינען מדרבנן. דאָס הייסט, אַז אין דער תורה גופֿא, אין חומש זיינען זיי ניטאָ. אמת, שבועות איז טאַקע יאָ פֿאַראַן אין דער תורה, אָבער עס איז אין ערגעץ ניט דערמאָנט זיין פֿאַרבינדונג מיט דער תורה ווי אַזאַ. די נעמען פֿון יום־טוב אין חומש זיינען חג הביכורים — אַ ריין אַגריקולטור־יום־טוב, אָבער גאָר ניט זמן מתן תורה. דאָס איז אין חומש ניט דערמאָנט.

די פֿאַרבינדונג פֿון דעם יום־טוב שבועות מיט דעם געבן די תורה אויפֿן באַרג סיני איז איינגעשטעלט אין דער צייט פֿון תלמוד, צי פֿון דער כנסת הגדולה, אָבער בכל אופֿן שוין אין צווייטן בית המקדש. וועגן שמחת־תורה איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן — דער גאַנצער יום־טוב איז ניטאָ אין חומש, ניטאָ אויך היינט אין ארץ ישראל, קיין מאָל ניט געווען. דאָרטן איז סוכות נאָר אַכט טעג און מער ניט. און טאָמער איז דאָס נאָך געווען ביי יידן ווייניק זיך צו פֿרייען מיט דער תורה, האָט מען גענומען אַ יום־טוב, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן טאַקע אין צווייטן בית־המקדש (נאָר ביי די פּרושים, ניט ביי די צדוקים) די שמחה פֿון גיסן וואַסער אויפֿן מזבח (שמחת בית השאבה. אפֿשר אין פֿאַרבינדונג מיטן אָנהייב פֿון דער רעגן־צייט אין ארץ ישראל) און מען האָט דעם יום־טוב, וואָס איז נאָכן חורבן פֿאַרגעסן געוואָרן, אַריבערגעטראָגן אויף דער נאַכט פֿון הושענא רבה און אים ווידער פֿאַרבונדן מיט דער תורה. זיצן יידן אַ גאַנצע נאַכט, מען לערנט און מען זינגט און מען פֿאַרגעסט אויך ניט צו מאַכן אַ לחיים — אַן אמתער יום־טוב. און די יוגנט, די לערנענדיקע יוגנט, די לערנענדיקע יוגנט, מאַכט אויך פֿאַרמעסטונגען, ניט מיט קיין פּילקעס, נאָר מיט אַ תוספֿות אַ שווערן, מיט אַ רמב״ם וואָס איז הארב, און עלטערע יידן מיט בערד שטייען און מען קוקט און מען הערט זיך צו ווי „קינדער דערלאַנגען זיך״ און מען קלייבט נחת... וואו פּרנסה, ווען פּרנסה — אַבי עס קוועלט די תורה.

און אויך משפּחה־יום־טובים זיינען פֿאַרבונדן מיט דער תורה. פּראַוועט מען ניט ביי יידן קיין געבוירן־טעג... כ'מיין — וואָס איז דאָ די רבותא צו ווערן מיט אַ יאָר עלטער? אַ קו ווערט דאָך אויך עלטער... פּראַוועט מען יאָ אַ יום־טוב פֿון התחלת חומש, אַ קינד גייט דעם ערשטן טאָג אין חדר לערנען גאָט'ס תורה. בר־מצוה איז אויך פֿאַרבונדן טאַקע מיט תורה, און דרשה־געשאַנק אויף אַ חתונה איז ניט סתם מתנות, נאָר טאַקע געשאַנקען פֿאַר דער דרשה, וואָס דער חתן האָלט און וואָס זיינע חברים באַמיען זיך „אָפּצושלאָגן״... אָט אַזוי איז עס אַ גאַנץ לעבן פֿון אַ יידן — מיט דער תורה, אין דער תורה, וועגן דער תורה.

און מען דאַרף געדענקען, אַז די פֿאַרשריבענע, די שוין פֿיקסירטע תורה — דאָס איז דער גוף פֿון דער תורה. אַלע ספֿרים וואָס זיינען שוין פֿאַרשריבן — זיי זיינען ווי די תבואה וואָס איז שוין אין שייער, ווי די פּרוכטן פֿון גאָרטן וואָס

זיינען שוין אין שפּייכלער. זיי לעבן שוין נאָר ווען זיי פאַרמערן זיך, ווען פון זיי וואַקסט אָן נייע און נייערע תורה. אין דעם איז דאָס לעבן, און תורה דאַרף אויך לעבן, זי איז און דאַרף זיין אַ תורת חיים. און לעבן מיינט וואַקסן, גרעסער ווערן, זיך פאַרמערן.

האָט מען טאַקע גאַנץ איינפאַך מינימיזירט דעם וווערט פון דעם אַמאָליקן מתן תורה אויפן באַרג סיני. דער באַרג גופא, דער סיני אַליין איז שוין מער ניט הייליק, ווארום „נסתלקה שכינתו איז באַלד נסתלקה קדושתו"— איז שוין די תורה געגעבן געוואָרן דאָרטן, איז שוין דער באַרג מער ניט הייליק. זאָלן דאָרטן די, וואָס האַלטן פון מאַטעריעלע הייליקייטן, זאָלן זיי דאָרטן בויען קלויסטערס. פאַר יידן איז הייליק נאָר די תורה וואָס האַלט כסדר אין וואַקסן, דערפאַר איז אַ „סיני"— דער ייד וואָס שאַפט כסדר נייע תורות, נייע אידייען און נייע געדאַנקען אין דער תורה, דער וואָס איז מחדש חידושים אין דער תורה. במה דברים אַמורים? ווען איז עס געגרעדט געוואָרן? — נאָר ווען זיי, די נייע תורות, זיינען „הלכה למשה מסיני"— אַנגעוואַקסן פון דער אַלטער יידישער טראַדיציע. מעגן זיי זיין שוין זייער ווייט אַוועק פון די דירעקטע משהס ווערטער; מעג אפילו משה אַליין זיי שוין מער נישט פאַרשטיין, אָבער אַלע מאָל מוז די תורה זיין אַן אָפּשטאַם למשה מסיני. מען רופט עס היינט טראַדיציע און המשך. עס דאַרף אָבער ניט זיין פּונקט דאָס זעלביקע, פּונקט אַזוי ווי משה האָט עס געגעבן. אַ זאַך וואָס ענדערט זיך ניט, קען זיין הייליק, אָבער קיין לעבן האָט עס שוין ניט מער. אַזאַ תורה, אַזאַ הייליקייט קען פּאַסן פאַר אַנדערע, אָבער ניט פאַר יידן.

כדי בעסער קלאָר צו מאַכן דעם באַגריף תורה, ווען מיר זיך אָפּשטעלן דאָ אויף דעם וואָס די תורה איז ניט. קודם כל ווען מיר זאָגן, אַז תורה איז ניט קיין וויסנשאַפט. פאַר וויסנשאַפטן האָבן יידן גאָר לכתחילה ניט געהאַט קיין נאָמען. שפּעטער איז אויפגעקומען דאָס וואָרט „חכמה" אין זינען פון וויסנשאַפט. נאָך שפּעטער איז אויפגעקומען אַ ניי וואָרט, „מדע", וואָס קומט שוין אמת אין די לעצטע ספרים פון תנ"ך, אָבער עס ווערט גאָר ווייניק גענוצט ביי יידן, גלייך ווי די אינהאַלטן וואָס דאָס וואָרט באַטייט. ערשט אין מיטלעלטער איז דאָס וואָרט מדע טיפער אַריינגעדרונגען אין יידישן לעבן. אָבער צו תורה האָט עס ניט קיין שייכות. און ריכטיק איז עס באַצייכנט אין תלמוד: חכמה ביי גויים— דאָס יאָ, אדרבא, אָבער ניט תורה. דאָס איז ניט אַריין אין באַנוץ פון גויים.

שפּעטער, אויך אין מיטלאַלטער, האָט עס נאָך שטרענגער אונטערגעשטראָכן רבי יהודה הלוי, וועלכער איז אַליין אגב געווען גאַנץ טיף אין וויסנשאַפטן ווי אַ דאָקטאָר און פילאָסאָף. ער שרייבט אין אַ ליד: „זאָל דיך ניט פאַרפירן די גריכישע חכמה, ווייל זי האָט נאָר בלומען און ניט קיין פּרוכט." דאָס איז ניט סתם אַ נעגאַציע, אַ האַס צו וויסנשאַפטן ווי צו אַ פרעמדער זאַך, ניין, דאָס איז אַ מאָטיווירטע מיינונג:— די בלומען פון וויסנשאַפט זיינען טאַקע גאַנץ שיינע, אָבער מען דאַרף זוכן ניט נאָר בלומען, מען דאַרף שטרעבן צו פּרוכט. וואָס רבי יהודה הלוי האָט געמיינט מיט דעם וואָרט „פּרוכט" דערקלערט ער ניט. אָבער מען קען עס אָננעמען אַז דאָ האָט ער געמיינט די השפעה פון דער גייסטיקער אַקטיוויטעט אויף דעם אויפפיר פון מענטשן, אויף זיין כאַראַקטער. דעם מענטשן

מאַכט די וויסנשאַפט ניט אַנדערש, זי ענדערט ניט זיין אויפפיר, זיין האַנדלען. ער זאָגט עס דייטלעך, בפירוש, אין עטלעכע ערטער אין זיין פילאָסאָפיש ווערק — אין דעם „ספר הכוזרי.‟ בעת תורה מיינט עס דווקא יאָ. די אַלע שיינקייטן און אַלע חכמות זיינען פאַר דעם מענטשן, צו מאַכן פאַר אים גרינגער, באַקוועמער, בעסער, שענער, אָבער זיי זיינען ניט אין אים, אין זיין נשמה, אין זיין כאַראַקטער.

דערפאַר איז ביי יידן אַזאַ קאַלטע באַציאונג צו די חכמות „חיצוניות‟ — דרויסנדיקע בעת די תורה איז אינעווייניק, ווי עס שטייט „תורתי בתוך מעיי‟, אין דעם מאַרך פון די ביינער דאַרף זי אַריינדרינגען, אין אַלע ווינקעלעך פון דער נשמה. אַזוי איז עס און אַנדערש האָט עס אויך ניט געקאָנט זיין ביי אַ פאָלק, וואָס איז אַלע מאָל, כמעט אַלע מאָל, אַ „גר ותושב‟ — היינט דאָ און מאָרגן ווער ווייסט וואו? וואו קען ביי אַזאַ פאָלק זיין אַן אָרט פאַר קונסטן, פאַר מאַטעריעלע רייכטימער פאַר מוזייען... אַזאַ פאָלק דאַרף זיין גאַנצע ירושה טראָגן ניט מיט זיך, נאָר אין זיך. דערפאַר איז די תורה — דער ספּעציפישער יידישער אינהאַלט דורך און דורך פנימיות, ניט חצוניות...

גייט אַזוי דער אַלטער ר ישראל סבא (דער גרייז־גרויער ר׳ ישראל) מיט זיינע פעקלעך, מיט זיינע צרות, איבער דער גאָרער וועלט, דורך אַלע פעלקער און דורות, אָבער אויך מיט זיין גייסטיקן פאַרמעגן אין זיך, מיט דער תורה, וואָס האַלט אַלץ אין ענדערן זיך, אין בייטן זיך, אין פושט צורה ולובש צורה, ווייל דברי תורה פרין ורבין...

איז תורה ניט וויסנשאַפט, ניט קונסטן; אָבער תורה איז אויך ניט אידענטיש דווקא מיט די שיין־אויסגעפוצטע ספר־תורות אין אַ שיין אויסגעפוצטן און געצאַצקעטן אָרון קודש. ניט מיט איר פאַרנעמען זיך אַזוי שטאַרק יידן; ניט דאָס מיינט מען ווען מען רעדט וועגן לערנען תורה, דאָס לערנט מען מיט קליינע קינדער אין חדר. אָבער ווען מען רעדט וועגן יידיש פאָלק און תורה, איז עס ווידער עפּעס אַנדערש. אַז מען זאָגט תורה לערנען, מיינט מען בדרך כלל אַלץ שאַפונגען וואָס זיינען געקומען שפּעטער, נאָך דער תורה שבכתב. מען מיינט מיט דעם וואָרט דעם תלמוד און בכלל אַלץ וואָס עס האָט זיך געשאַפן אין יידישקייט אַרום דעם תלמוד.

אויב יידישקייט איז כולל די יידישע אידייען און געדאַנקען, די יידישע מחשבה און שטייגער — איז תורה אידענטיש מיט יידישקייט, ווי עס איז אָנגענומען פון זוהר אָן, אַז ישראל־יידישקייט און אורייתא — די תורה, איז איינס. די תורה איז הייליק, מיינט עס אַז יידישקייט איז הייליק, גאָר די יידישקייט, יידישקייט אין מחשבה און אין מעשה, אין לעבן און אידייען, אַלץ וואָס עס שיידט אָפּ דאָס יידישע פאָלק פון אַלע אַנדערע פעלקער אַרום. אַלץ אין וואָס אַט־די אַנדערשקייט ווייזט זיך אַרויס און וואָס עס ווערט אָפּגעהיט לשם יידישקייט — אַל דאָס איז תורה. און הייליק איז עס בקדושת העם, ווייל עס איז יידישקייט, פון פאָלק, ווייל הייליקייט איז ניט מן השמים, ניט עפּעס פון הימל, נאָר דווקא ווייל פון פאָלק, פון דעם פאָלקס אייגנטימלעכקייט און אַנדערשקייט. און דאָס וואָרט „הייליק‟ מיינט אַז עס דאַרף זיין ליב און טייער. ליב־טייער־הייליק זיינען מדרגות פון איין קאַטעגאָריע, ווי אַ פאָלק דאַרף זיך באַציען צו זיין

פאָלקישער אייגנטימלעכקייט, צו זיין פאָלקישן אייגנס. דאָס אייגענע פון דורות, די הלכה למשה מסיני איז ליב. דאָס ליבסטע איז טייער, דאָס טייערסטע איז הייליק.

און ווייל די תורה איז דאָס איינציקע פאַרמעגן פון פאָלק, זיין איינציקע רייכקייט, וואָס גייט מיט אים אין אַלע זיינע וואַנדערונגען און אין אַלע גלותן, איז זי אים אַזוי טייער. און די תורה איז ניט קיין פּאַרטיקע, געענדיקטע — די תורה וואַקסט ווי עס וואַקסט אַ ליב קינד. צוזאַמען מיט דעם פאָלק וואַקסט די תורה. אַלע מחשבות און אַלע גייסטיקע שאַפונגען וואַקסן אַרויס פון דער תורה און זיי וואַקסן אַריין אין דער תורה. דערפאַר פרייט זיך דאָס פאָלק מיט דער תורה און עס פּראַוועט יום־טובים פאַר איר, מיט איר. כי היא חיינו ואורך ימינו.

---

ה. באַרקאַן

## כ׳האָב געזען דיין בילד

יאַנוש קאָרטשאַק, ז״ל

כ׳האָב געזען היינט דיין בילד, און האָב דערקענט מיין טאַטן...
— אָ, ווי קען זיין אַ פאָלק אַזוי ברוטאַליש־קליינלעך! —
יעדער קנייטש אין דיין פּנים, דיינע אויגן, די מאַטע;
ווי מיר, זיי זיינען צו מיין טאַטן ענלעך.

ביסט געווען, דו הייליקער, אַן אבי יתומים,
און מיין פאָטער אין שטעטל — אַן אבי עניים;
איין טאָג ניט העלפן אין די אָרעמע היימען,
האָט קיין זין שוין ניט געהאַט זיין לעבן, קיום.

„אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס מ׳אַנטלייט מיר״— פלעגט זאָגן.
לייט ער ביים גביר, און אַנטלייט דעם אין נויט.
און ווינטער צום שניידער פאָרט האָלץ אַ וואָגן,
און צו איצי דעם שוסטער קומט־אַן מעל אויף ברויט.

אָ, געווען זיינען הערצער, נשמות — ריין, זויבערע,
וואָס גאָט האָט געקושט זיי ווען ער האָט זיי באַשאַפן.
דיין בילד, מלאך־מענטש, האָט מיך היינט באַצויבערט,
און איך הער ניט אויף וויינען און לויבן און גאַפן...

---

שיקט אַריין אייער אבאָנעמענט אָפּצאָל

טוט נאָך דעם שיינעם ביישפּיל פון אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע לייענער.

ז. בונין

# אַ פּאַדקאָווע פון אַן אייזל־פוס

לאָס אַנדזשעלעס איז נאָך פאַרשלאָפן געלעגן
מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן,
ווען איך,
ווי טויזנטער אַנדערע,
זיינען געפלויגן,
אין גרויען באַגינען,
אין אויטאָס, איבער גאַסן און וועגן
ווי נעצן צעשפּרייט,
אין געיעג דעם טעגלעכן ברויט
צו פאַרדינען —
אויף איינס פון די זייטיקע גאַסן,
האָב איך באַמערקט איינעם,
פון די אַפראָ־אַמעריקאַנער גבעונים *)
זיין פּנים איז געווען
שוואַרצער פון שוואַרץ,
ווי ערשט געגראָבענער קוילן־אַרץ;
ער האָט פאַר קיינעם
קיין האָלץ געהאַקט
און קיין וואַסער געשעפּט,
נאָר מיד זיך געשלעפּט
מיט אַ וועגעלע, ווי פון ברעטלעך
צוזאַמענגעקלעפּט,
אויף רעדלעך צעדרייט און צעקרימט,
וואָס האָבן מיט זיין פּנים
און רוקן געשטימט!
און קאָנטיק אָנטוישט
אין „לאָרד" און אין יויזל,
ווייל זיין האָפענונג אויף „גוד לאַק"
איז אַ פּאַדקאָווע פון אַן אייזל,
געווען אויף זיין וועגעלע צוגעקלאַפּט.
אַז די פּאַדקאָווע, און אַנדערש קיינער,
וועט מזל אים ברענגען
אין אויפקלייבן שמאַטעס, פלעשער און ביינער
אין הינטער־געסלעך, פון פעסלעך
דעם אָפּפאַל אין קאַנען,
פון קראָמען און רעסטאָראַנען...

*) האָלץ־העקער און וואַסער־טרעגער, אין דער צייט פון יהושע בן־נון.

בערל בוים

# מיין נסיעה מיט דער שיף „ציון״ קיין חיפה

(איינדרוקן)

ענדע אָקטאָבער האָב איך זיך שוין געפונען אויף דער שיף „ציון״ וואָס איז אָפגעשוואומען פון ניו־יאָרקער האַרבאָר, באַוואוסט אַלס די „צים״־ליניע. אַ יידישע שיף מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, אפילו מיט אַ שול צום דאַוונען. מען לייענט די סדרות. גאָר אָפט אפילו צוויי מנינים. עס געפינט זיך שטענדיק אַ ייד וואָס ווערט דער גבאי ראשון, און איינער — אַ גבאי שני... און אפילו בעלי קריאה, גוטע אָדער ניט — מען גיט זיך אַן עצה.

די מאכלים זיינען געשמאַקע און כשרע. עס שפּילט אפילו אַ פיינער „דזשעז בענד״ און דער „מאַסטער אָוו סערעמאָניס״ איז אויך ניט אַבי־ווער. לויט סברות זיינען זיי שטענדיקע מיטאַרבעטערס אויף דער שיף. דער קאַפּיטאַן איז אַוודאי דער הויפּט רעגירער לגבי אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו די באַקוועמ־לעכקייטן פון די פּאַסאַזשירן. ס׳איז אפילו פאַראַן אַ קליטל וואו מען קויפט אַיין קלייניקייטן פאַרן געברויך פון יונג און אַלט. אַלץ גייט צו מיט אַ סיסטעם לויט אַ פּראָגראַם אָנגעקלאַפּט אויף עטלעכע פלעצער אינעווייניק און אין דרויסן.

גאָר אָפט ווערט געהערט נייעס פון חוץ לארץ, וואָס קומט אָן טעלעגראַפיש. אַלע כללים אויפן שיף ווערן פּראָקלאַמירט דורכן אויסשאַלן אויף די מיקראָ־פאָנען אַרום און אַרום. אין אַ געוויסער שעה קומט מען זיך צענויף טרינקען קאַווע אָדער טיי. אפילו אַ גלעזל קאָניאַק סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. געוויינלעך איז דער ביינאַכט דער עיקר. מען גרייט צו פּראָגראַמען, קאָנצערטן און אפילו מואוויס, וואָס פאַרווילן אַ גרויסן טייל פון די פּאַסאַזשירן. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ דאָקטאָר מיט אַ קליינעם שפּיטאָל געפינט זיך אויך אויפן שיף. ממש אַ מלוכה קטנה אויפן ים, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט אַ שליסל פון ישראל־לעבן. מען רעדט עברית און ענגליש, מערסטנס עברית.

די געסט וואָס באַגלייטן די פּאַסאַזשירן האָבן פּאַר אַ ווילע אַ געלעגנהייט צו זען ווי די שיף איז געבויט: די ערשטע קלאַס, צווייטע קלאַס, אָדער טוריסטן קלאַס, ווי עס ווערן פאַרצייכנט אין פּלאַן פון די נוסעים לישראל. דער איינדרוק ביי יעדן איז אַ גוטער. אַן אייגענע שיף, אַ יידישע, מיטן נאָמען „ציון״. וויפיל טעג און יאָרן האָט יעדער געחלומט צו דערלעבן אַזאַ נס? און ווער קען דען אָפּשאַצן ווי די פּאַסאַזשירן פילן, ווען עס דערהערט זיך דער ערשטער פייף פון דער שיף. אַ קול שופר גדול, אַז מיר אחינו בני ישראל ווערן אויטאָמאַטיש די ים־פּאַסאַזשירן. דירעקט קיין חיפה.

מען הייבט זיך אָן באַלד באַקענען. יידן פון שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס, ניו־יאָרק און פענסילווייניע, פון קאַנאַדע און כל המקומות, וואו יידן געפינען זיך און האָבן די הוצאות פאַר אַזאַ נסיעה... זיי לויכטן אויף ווען מען גיט זיי פראַנק און פריי שלום עליכם. אַלע פילן זיך ווי די אייגענע מיוחסים.

מען באַקענט זיך „כל עוף למיניהו״— אָרעם און רייך ווערן גלייך. ניטאָ קיין מיוחסים אָבער לאָמיר זיך מודה זיין — איר קלייבט זיך לכל הדעות אויס

אייער גלייכן ווילט איר שמועסן מיט אַ בן־תורה, געפינט איר אים; זענט איר אַ פּאָליטיקער, זוכט איר אויך אייער חבר. אפילו פֿאַך־מענטשן ווערן באַקענט, ווי עמיצער וואָלט זיי צענויפגעפּירט. אפשר דער ים אַליין ווערט דער שדכן?

די זון רופט אויפן דעק. עס געפינען זיך שוין דאָרטן בעטלעך וואָס איר קענט דינגען פאַרן טערמין. איר באַצאָלט דעם באַדינער, וואָס זוכט אייך שוין אויס דאָס בעסטע פּלאַץ און דאָס שענסטע בעטל אַנטקעגן דער זון. אויב איר פילט פון ערגעץ יאָגן אַ צוג־ווינט, גיט איר אים, דעם באַדינער, גלייך אַ רוף: — אדון, ס׳איז דאָ אַ צוג־ווינט — און ער איז גלייך גרייט אייך צו טראַנספּערירן למקום אחר. אַזוי הייבט־מאָרגן. איר געפינט אויס, אַז מאָרגן זייט איר שוין אויף אַן אַנדער פּלאַץ. דער ווינט בלאָזט יעדן טאָג אין די פאַרשיידענע ריכטונגען. על כן האָלט מען אין איין איבעררוקן די בעטלעך.

איר געפינט תמיד אייערע גלייכן צו שמועסן. סיידן איר ווילט רוען, בעט איר זיך אָפּ; בבקשה איך וויל איצט גראָד כאַפּן אַ דרימל... און די שיף שניידט דערווייל דורך גאַנצע מיילן דורכן ים.

אין מיין קאַבינע זיינען מיר געווען צוויי עלטערע און צוויי יינגערע. זיי, די צוויי יינגערע, האָבן אונדז געלערנט „מאָדערניזם", מיר זיי — „ציוניזם." גראָד האָבן זיי זיך צוגעהערט צו אונדז. איינער איז געווען אַ ניט־געענדיקטער אַרכי־טעקט, וואָס די סוכנות האָט אים געדונגען צו קומען קיין ישראל און זיך אַנשליסן אין אַרכיטעקטור, וואו ער וועט אַריינפירן דעם אַמעריקאַנעם סיסטעם אין צייכענונגען. דער צווייטער — אַ פּוילישער יידישער בחור פון קאַנאַדע, אַן עלעקטראָטעכניקער. געווען אין מאָנטרעאַל עטלעכע יאָר. ער פאָרט שוין ס׳צווייטע מאָל קיין ישראל; רעדט אפילו העברעאיש, כלומרשט פאַרגעסן אַ סך... אָבער ער איז אַ פיינער בחור. קיין נעמען איז, דוכט מיר, ניט וויכטיק. איינער מאיר, דער צווייטער הערש. מיין דריטער פּאַסאַזשיר, אַ פּוילישער ייד, מיטעלע יאָרן, בשם הלל לונטשקאָווסקי, אַ באַוויבטער. אָבער זיין ווייב איז געווען אין אַ צווייטער קאַיוטע. זיי האָבן זיך געטיילט לשם עקאָנאָמיע. אָבער זיין פּלונתטע איז געווען ביי אונדז אַן אָפטער גאַסט. זי האָט אַמאָל אַריינגעבראַכט אַ גלעזל טיי אָדער אַ „פּילולע." איר מאַן האָט געדאַרפט זי זאָל אים היילן „מעת לעת"... אַ פיין מענטשל, אַ טשיקאַווער. פון פאַך אַ זייגערמאַכער, וואָס האָט זיך אַ קליינטל אין חיפה. ער איז געפאָרן פון ניו־יאָרק צוריק אַהיים, וואו ער האָט באַזוכט קרובים. לויט סברות איז עס געווען פאַר זיי אַ וואַקאַציע, זינט עטלעכע יאָר אין ישראל.

ער מיטן הייליקן נאָמען הלל האָט מיר באמת פאַראינטעריסירט. ער האָט מיר געשילדערט זיין לעבן אין וואַרשע, און שפּעטער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. ביז ער איז געקומען קיין ישראל. אָט דאָס קאַפּיטל זיינס וואָלט איך געדאַרפט אָנשרייבן באַזונדער ווי אַ מתנה צו דעם פאַרפאָלק. אָבער איך קען עס ניט טאָן. איך האָב פּשוט ניט דעם כוח איבערצוגעבן זיין לעבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. עס איז צו שוידערלעך און איך וויל מיין נסיעה־איינדרוקן ניט פאַרבינדן מיט טראַגיזם. איך האָלט אַז דער עיקר איצט דער עתיד צו זען מענטשן גאַנצע אַריינ־געפלאַנצט אין אַ ניי לעבן אין מדינת ישראל און דאָס האָב איך זיי געזאָגט.

הלל האָט מיך גוט פאַרשטאַנען און אַגב זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט מיין בוך „געקניפּט און געבונדן.“ דריי מענטשן האָבן זיך געטיילט מיטן לייענען מיין בוך. איך האָב בלויז געהאַט איין קאָפּיע. די אַנדערע ביכער האָב איך געהאַט פאַרפּאַקט אין אַ קעסטל, דורכאויס פאַר מתנות צו די בני עיר. קיין פּובליסיטי האָט מיר שוין ניט געפעלט, איבער מיין ליבער חברה בעלאַ באַלערינאַ, די אַקט־ריסע. זי איז געווען מיט אונדז אויף דער שיף. און בעלאַ האָט, ווי זי זאָגט, בלויז געגעבן אַ רמז, אַז בוים איז אַ „ספרן“... און עס האָט לאַנג ניט גענומען און מיינע אויגן האָבן געוואַנדערט אין אַלע ווינקעלעך צו זען עפּעס חברים וואָס זיינען דווקא גרייט צו זיצן מיט מיר אין אַ ווינקל און שמועסן. אוודאי זיינען דאָרטן געווען פאַרבאַנד־חברים, איינער אַ מאָנטרעאַלער ייד — אַ „פּראַמפּילער“ בשם טאַבאַטשניק. גראָד אַ ייד אַ בן־תורה. ער האָט מיך גאָר פאַרבעטן צו גיין דאַוונען מיט אים דווקא מיטן ערשטן מנין. און אַזוי אַרום האָב איך זיך דערזען צווישן יידן בני־תורה. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָך אין זיין אוקראַאינער שטעטל פּראָמפּיל האָט ער געלערנט עברית בעברית און כאָטש ער איז געווען אין מאָנטרעאַל אַ דרעס־מאַנופעקטשורער האָט ער זיך ענדלעך באַפרייט פון דער עבודה און פאָרט קיין ישראל אַ פּאַרטיקער העברעאיסט הגם מיט אַן אַשכנזישן דיאַלעקט. קיין בן־יחיד איז ער ניט געווען... צום עברית־געזעמל זיינען צוגע־שטאַנען דווקא ישראל־יידן; איינער בשם בן־ארי — אַ רומענישער ייד, אַ פליט, וואָס איז שוין אַ סך יאָרן אין ישראל אין כפר וויטקין, אין אַ קיבוץ. וואָס האָט בערך צען קי און אַלץ וואָס אַ קיבוץ פאָדערט...

בסוד שמועסנדיק מיט נאָך אַ ישראל־ייד, אַ למדן, אַ ליטוואַק, בשם אָסט, דערוויס איך זיך, אַז ער איז גאָר אַן עורך־דין“ אין ישראל. ער האָט מיר געבעטן ניט מגלה זיין דעם סוד, אָבער מיין צוזאָג האָט אָנגעהאַלטן בלויז עטלעכע טעג. אומשולדיקערהייט האָב איך צוגעבראַכט נאָך אַ יידן צוליב אַ סכסוך איבער אַ דין־תורה וועגן אַ מעשה שהיה אין דער אַלטער היים, אין מיין שטעטל פעלשטין, ווי אונדזער רב האָט געפּסקנט בשעתו. אַ טשיקאַווער פּסק־דין. און דער ייד, ס'הייסט כנגד האָט געטענהט אַז דער פּסק־דין איז ניט געווען מן הדין. אַזאַ כנגד האָט מיר ניט געשמעקט, אַ קלייניקייט — צו זאָגן אַז מיין רב פון פעלשטין, דער גאון ר' ישראל קיאָווער זצ"ל, זאָל ניט האָבן געפּסקנט כדין? און אַזוי האָב איך ניט וועלנדיק אַריינגעדרייט אדון אָסט, דעם עורך־דין אין ישראל, בשתיקה, וואָס האָט אונדז שוין שפּעטער געוויזן זיין גאַנץ קלאָפּערגעצייג און ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַן עורך־דין.

גאָר פּשוט: הערט און שטוינט. אַזוי ווי ער איז געווען אין זיין קיבוץ אחד מן הלומדים און אַ בקי בש"ס און אַגב דערצויגן זיין געלערנטע, איז ס'רוב פלעגט מען אים אַריינדרייען אויסהערן סכסוכים, סיי מיט בוררים, סיי אַליין. איז על־כן זיין פּסק דין געוואָרן געזעץ. דער קיבוץ האָט זיך אָנגעהויבן צו אים צוהערן. און אָט איז די שלאַכט אין ישראל קעגן די אַראַבער אָנגעצונדן געוואָרן איבער נאַכט. די יוגנט האָט געמוזט זיך אָנשליסן אין הינטערגרונט. ערשט דעמאָלט זיינען אויפגעשוואומען סכסוכים. און נאָך וואָס לאַנג בריינען: ער, דער נוגע בדבר, האָט זיך באמת גענומען צו ש"ס ופוסקים און פאַר אַ צייט געווען בלויז איינער פון די צוויי וואָס זיצט נעבן אַ שופט, און זייערע שטימען וועגן

אַ דין איז גילטיק. אַזוי פֿאַמעלעכן איז די געשיכטע פֿון אונדזער עורך־דין אין איר טשיקאַוועקייט געוואָרן אונדזער שטילער בעל־יועץ... ער האָט אַרויסגענומען אַ ספֿר דינים, וואָס ער פֿירט מיט זיך וווּ נאָר ער גייט, אפֿילו קיין פּאַריז נעמט ער עס מיט.

דער ייִד איז געווען ביז גאָר טשיקאַווע. ניט געלייקנט אַז ער האָלט שוין באַלד ביי די שבעים. און אָט האָט איר שוואַרץ אויף ווייס דעם דין וואָס אדון הסופֿר בוים גיט אָן... און אַזוי ווי ס'האָט זיך מיט מיר געחברט אויך דער אויבן־דערמאָנטער ייִד בן־ארי פֿון כּפֿר וויטקין, וואָס איז בכל יום געזעסן מיט אַ בוך אין האַנט און געלייענט. ער האָט ממש אויסגעליידיקט די ביבליאָטעק אויף דער שיף; דווקא אַ רומענישער ייִד מיט אַ זעלטענער ערנסטער תּפֿיסה — אַן אמתער בן־תּורה נאָך פֿון דער אַלטער היים, אָבער ישׂראל האָט אים דורך די יאָרן כּלומרשט אויפֿגעבראַכט למעלה „מן הדין"... ער ווייסט די פּאָליטיק פֿון ישׂראל גרינטלעך. אויך געווען עטלעכע וואָכן צוגאַסט אין ניו־יאָרק און פֿאָרט צוריק אַן אַנטוישטער. עס געפֿעלט אים ניט אַמעריקע.

אַגבֿ, האָט ער אפֿילו אין ניו־יאָרק פֿאַרפֿירט אַ סכסוך מיט חיים ליבערמאַן ע"ה, אין „פֿאָרווערטס", מיט אַ בריוו און מיט תּרעומות וואָס ער, חיים, האָט אים ניט געענטפֿערט כּדבעי אויף זיינע טענות קעגן ח. ל.. האָט ער זיך אָנגערופֿן מפֿטיר, ווייל פּונקט אין דעם שמועס, דעם הייסן, האָט זיך באַוויזן נאָך אַ ייִד, וואָס האָט גראָד לכתּחילה גערעדט דאַטש... אַגבֿ האָט ער זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן פֿאַר אַ גרויסן העברעאיסט. מען מעג אָנגעבן אַז זיין שם טוב איז, דוד הס. ער וואוינט אין ירושלים און איז אין ישׂראל אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט. מיר וועט אפֿשר אויסקומען צו שרייבן באַזונדער וועגן אים און די פֿיר אויבן־דערמאָנטע לומדים. אָבער דאָ מוז איך גיין כּסדר און לאָזן מיין אדון בן־ארי דערציילן וועגן זיין סוגעסטיע צו חיים ליבערמאַן, וועלכער האָט אים ניט געענטפֿערט. אַגבֿ האָבן מיר געפֿונען זכות'ים אויף חיים ליבערמאַן. מעגלעך ער האָט ניט געהאָט די שעת הכּושר?

הגם מיר האָבן געהאַלטן מיט בן־ארין. פּשוט באַדויערט וואָס אַ ישׂראל־ייִד איז געקריוודעט געוואָרן מצד אַזאַ תּלמיד־חכם ווי חיים ליבערמאַן. איז אָבער געקומען אדון דוד הס און ניט געלאָזט פֿאַלן אַ שלעכט וואָרט אויף ח. ל.— היתּכן — האָט דוד הס גענומען שטורמען שוין אויף האַלב דאַטש און האַלב העברעאיש — איר, אדון בן־ארי, זאָלט אַזוי זאָגן אויף אַזאַ למדן מופֿלג ווי ח. ל.? צי ווייסט איר ניט אַז אַזאַ ייִד איז היום־יום דער פּוסק אַחרון אין כּלל ליטעראַטור? אַז ר' חיים וואָלט געקענט זיין אַ גרויסער רבֿ ביי ייִדן; אַז זיינע אַרטיקלען און די עטלעכע בראָשורן וועגן סאַטמאַרער רבין, שלום אַש און נאָך און נאָך און... איידער וואָס ווער וועמען זיינען די צוויי דעבאַטאַנטן אַריינגעשוואומען אין ים העברית... ביידע קענען די שפּראַך און מיר ייִדישיסטן זיינען געבליבן בלויז מיט אָנגעשפּיזטע אויערן און אָפֿענע מיילער.

דאָ איז שוין ניט געווען די פֿראַגע ווער עס איז גערעכט. עס האָט געמוזט קומען דער עורך־דין אָסט, כּלומרשט צו שליכטן דעם סכסוך, ווי ווייט חיים ליבערמאַן איז דער גדול בתּורה... ביז, עס פֿאַרשטייט זיך, עס איז קלאָר געוואָרן אַז ביידע, סיי בן־ארי, סיי דוד הס, האָבן רעכט אין דער פֿראַגע, אַז ס'איז אמת

אַז חיים ליבערמאַן איז טאַקע אַ תלמוד חכם, אָבער דער ענין פון ניט ענטפערן אויף אַ בריוו האָט גאָרניט צו טאָן מיט לומדות...

כדאי צו באַמערקן, אַז אָט־דער פיינער ייד, דוד הס, האָט מיר איבערזעצט אין עברית דווקא אויפן שיף, איינע פון מיינע דערציילונגען פון בוך „געקניפּט און געבונדן״— „ווען די שטאָט האָט געברענט.״ די וואָס האָבן די איבערזעצונג געלייענט האָבן זי געלויבט ביז גאָר אין איינעם מיט דעם קעגנער דעבאַטאַנט, בן־ארי, וועלכער האָט מיין בוך געלייענט פון טאָוול ביז טאָוול.

איך האָב זיך געפילט ווי אַ בעל־זוכה וואָס כ׳האָב גראָד זיך באַגעגנט מיט אַזעלכע מענטשן ווי בן־ארי, דוד הס, שמואל אָסט, דעם עורך־דין, און דעם חבר טאַבאַטשניק פון מאָנטרעאָל, איינגעשלאָסן נאָך יידן בני־תורה, צווישן וועלכע איך האָב זיך געפילט פאַרלוירן ווען זיי האָבן געוואָרפן מיט פסוקים און מאמרי חז״ל. אָבער מודה אני, אַז בעת איך בין אָפּגעפאָרן קיין ישראל איז מיר ניט געקומען אויף דער מחשבה, אַז שוין אויף דער שיף „ציון״ האָט זיך אָנגעהויבן ציען אַ פאָדעם פון ישראל — אויב כ׳האָב קיין טעות — זיינען געווען צווישן די טוריסטן מער ישראל תושבים, וואָס מאַכן נסיעות גאָר אָפט.

איך האָב אויך געשטוינט צו זען אַ סך יונגע בחורים סאַברעס און בחורות, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים. טייל שטודירן אין אַמעריקאַנער קאָלע־דזשעס און אוניווערסיטעטן, טייל סתם פאַר וואַקאַציע. דאָס העברעאישע וואָרט האָט זיך געהערט איבער אַרבע פינות ציון. יונגע בחורים, מיידלעך האָבן גע־זונגען לידער, געטאַנצט מיט די מאַטראָסן, און אפילו מיטן קאַפּיטאַן. טייל נעכט האָט מען געטרונקען שאַמפּאַניער אויפן חשבון פון קאַפּיטאַן אין גרויסן סאַלאָן.

איך האָב גערעדט מיט אייניקע סאַברעס אין ענגליש. זייער יידיש איז שטומפּיק. איך האָב באַוואונדערט דאָס פרייקייט פון דער יוגנט אויף דער שיף. קיין זאָרג האָבן זיך אויף זייערע פּנימער ניט באַוויזן. בלויז פרייד, וואָס ענדלעך קערן זיי זיך אום צוריק קיין ישראל, מיט דיפּלאָמעס פון אַמעריקאַנער אוניווער־סיטעטן אויף געוויסע טעמעס... למען האמת מעג מען זאָגן, אַז זיי, די ישראל־יוגנט, איז ניט שטאַרק באַגייסטערט פונעם אַמעריקאַנער שטייגער לעבן, הגם עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זיי האָבן אַ סך געגנאַשט פון אַמעריקאַנער מידות... מי יודע וועלכע מידות זיינען גוט פאַר יידן און וועלכע ניט? אַן ענין אויף להבא פאַרן היסטאָריקער.

איך וועל זיך, האָפנטלעך, נאָך אומקערן צו דער טעמע — דערגאַנצן מיין נסיעה דורך די צוויי וואָכן אויף דער שיף „ציון״, וואָס מען קען ניט אָפּ׳פּטרן על רגל אחת...

אויפמערקזאַם אַבאָנענטן! מיר בעטן אייך אונדז לאָזן וויסן ווען איר בייט אייער אַדרעס, אָדער ווען איר דערהאַלט נישט רעגולאַר דעם „חשבון.״

לאָטי פּ. מלאך

# אַ פּאַטעטישער טאַנץ

(פאַרצייכענונג)

שמחת תורה. אַ לויטערער טאָג וויקלט זיך אין האַרבסטיקן בלוי. דער הימל — אומענדלעך, דער גאַנצער מזרח באַזוימט מיט שטראַלן. נאָר די ביימער שטייען פאַרבענקטע; די קרוינען עטוואָס געבויגן, די בלעטער מינעוועז זיך אין שטאַרקע קאָלירן: געל, בראַנז, רויט. גאָלד טריפט פון די צווייגן און בעט אויס אַ פלאַמיק געלעגער צופוסנס פון שטאַם.

היינט איז שמחת תורה, נאָר ס'דערמאָנט אין קהלת. ע, ביט שיין אַזוי! אַ ייד דאַרף היינט זיין פריילעך; אַ ייד האָט זיך מיט וואָס צו פרייען אין דעם טאָג שמחת תורה. מען דאַרף זיך אַריינכאַפּן אין אַ שול, כדי זיך באַכאַמאַל צו דער־מאָנען אין מעשה בראשית.

די שול — אַן אַלטער מאַסיווער בנין האַרט ביי אַ הויפּט־גאַס. ברייטע, ווייסע טרעפּ פירן אַרויף צו אַ רחבותדיקן אַריינגאַנג. ביי דער טיר שטייט דער שמש און צאַפּלט זיך איבער יעדער איינעם וואָס טרעט אַריבער די שוועל. ער גייט אָנגעטאָן אַ פינף־שפּיצעדיק קאַפּעלע און שמוכלט מיט אַלע קנייטשן פון זיין פּנים. ער איז אויך גרייט צו דינען מיט וואָס איר ווילט אַליין: אַ טלית, אַ יאַרמעלקע, אַ סידור, אַ מחזור, אַ חומשל — וואָס אייער האַרץ גלוסט.

אין שול איז קיל, בין־השמשותדיק. עס ברענען צווי גרויסע, זילבער מנורות ביי ביידע זייטן פון בעלעמער (בימה). דריי הונדערט אויסגעבעטע שטולן שטייען אין גלייכע סימעטרישע רייען און קוקן אייך אָן. אַ פינף־און־צוואַנ־ציק, דרייסיק מענטשן זיצן פאַרלוירענע אין גרויסן רוים. כאָטש דאָס איז אַן אָרטאָדאָקסישע שול, זיצן פרויען און מענער צוזאַמען. די הנחה איז ווייזט אויס געמאַכט געוואָרן פּשוט אויס נויטווענדיקייט. וואָרעם ווען מען וואָלט זיך אַזוי גוט צוגעקוקט צום עולם, וואָלט זיך געקאָנט שטעלן די פראַגע, צי זיינען דאָ פאַראַן גענוג מענטשן פון דעם מין, וואָס מען מעג, לויט דער טראַדיציע, מצרף זיין צום מנין.

אויפן בעלעמער האָבן זיך דער רבי מיטן חזן געטאָן דאָס זייעריקע: מען האָט געדאַוונט שחרית, מוסף, געזאָגט קדיש. נאָך דער קדיש האָט עפּעס געקלונ־גען ווי נאָך זיך אַליין; נישט נאָך יענע וועלכע זיינען אַוועק אויפן עולם האמת, נאָר נאָך די, וואָס „קלייבן זיך אין וועג אַריין."

מען האָט געעפנט מיט גרויס כוונה דעם ארון קודש און אַרויסגענומען דריי ספרי תורה. מען האָט געגעבן עליות ווי עס באַדאַרף צו זיין.

— אתה הראת לדעת — איז דער חזן אַרויס מיט אַ באמת פיינער שטימע. נאָר וואָס איז שמחת תורה אָן קינדער, אָן פאָנען, אָן עפּל, אָן ליכטלעך, אָן טומל?

דער חזן מיטן רבין האָבן געפילט, אַז ס'איז נישטאָ וואוהין און צו וועמען צו גיין הקפות. ווער וועט באַגלייטן? וואו זיינען די, וואָס דאַרפן זיך שטופּן אונטערן טלית פאַר „כל הנערים"? האָבן דריי יידן מיטן גבאי בראש גענומען די דריי ספרי תורה אין די הענט און זיינען געגאַנגען פון איין זייט בעלעמער,

אַראָפּגעגאַנגען מיט די אויסגעבעטע טרעפּ, זיך אויסגעדרייט און גלייך מיט דער צווייטער זייט צוריק אַרויפגעגאַנגען. זיי זיינען געווען פּילבאַר גענוג ניט מבייש צו זיין די הייליקייטן און זיי ניט אַרומטראָגן אין דער כמעט ליידיקער שול. בשעת מעשה האָבן זיך עטלעכע אַלטע,ביינערדיקע הענט געשטרעקט צו די ספרי־תורה, אָנגערירט און דערנאָך צוגעפּירט די פינגער צו די ליפּן — אַ קוש געטאָן.

איין יידעלע, אַ קליינינקער, אַ דאַרער, איינגעהילט אין אַ גרויסן טלית, ווי אַ קינד, איז געווען דער חתן בראשית. אויסגעציקלט די ברכה און אָפּגע־לייענט די פּרשה מיטן געהעריקן נוסח, האָט ער זיך דערפילט זייער דערהויבן. ער האָט אַרומגעכאַפּט דעם גבאי, בשעת יענער האָט אויפגעהויבן די תורה אין דער הויך און זיך געלאָזט מיט אים אין אַ טאַנץ.

— צי זעען מיר דאָ אַ סצענע פון דיבוק? — האָט דער שרייבער פון די שורות געטראַכט. — ניין. דאָס איז ניט קיין פאָרשטעלונג. דאָס איז עכטע, פאַטעטישע וואָר.

דער גבאי האָט זיך באַמיט אַרויסצודרייען פון יענעמס הענט און געוואָלט אַריינשטעלן די ספר תורה צוריק אין ארון קודש. נאָר דאָס יידעלע האָט ניט געלאָזט. ער איז צוגעפאַלן קושן די תורה און זיך צעזונגען מיט אַ וויינענדיק קול:

אָ נ א יי ה ו ש י ע ה נ א,
אָ נ א יי ה צ ל י ח ה נ א.

די מיט רויטן פלוש באַקליידטע און מיט גלאַנציקע קנעפּלעך באַשלאָגענע שטולן זיינען געשטאַנען, ווי אַ פאָלק סאָלדאַטן אויף אינספּעציע, און האָבן געקוקט מיט רוגזה אויף דעם קנאַפּן דריי־צענדליק מענטשן, וואָס האָבן מיט זייער אָנ־וועזנהייט צעשטערט, דאָ און דאָרט, די גלייכמעסיקייט פון עטלעכע רייען.

* * *

פון דעם דאָזיקן בילד וואָלט זיך געקאָנט שאַפן דער איינדרוק, אַז די שול, וואָס געפינט זיך אין אַן אַלטער עטוואָס אָפּגעלעבטער שכונה, באַשטייט בלויז פון עלטערע מענטשן און פאַרמאָגט אינגאַנצן ניט קיין קינדער. איז דאָס צום גליק ניט אַזוי. די שול פאַרמאָגט אַ צוויי הונדערט מיטגלידער, מיט אַ „סיסטער־הוד", אַ „יאָנג מענס קלאָב", אַ „באָרד אָוו דירעקטאָרס" און... אַ תלמוד תורה פון איבער הונדערט קינדער. ווער איר דאַך פרעגן, וואו־זשע זיינען זיי?

אָ, טאַקע דאָ ליגט אין דעם פאַל די טראַגעדיע. דער ענטפער איז — דזשע־ניאַר קאָנגרעגיישאָן." אַזוי ווי די מאָדערנע פּסיכאָלאָגיע זאָגט אָן מיטן האַרבן וואָרט, אַז מען דאַרף זיין „טשאַילד סענטערד," דאָס הייסט, מען דאַרף תמיד אַרויסגיין פון שטאַנדפּונקט פונעם קינד, און ווי מיר וויסן האָבן קינדער ניט קיין גרויסע בטיה צו פאַרברענגען מיט עלטערע מענטשן („אָלד פאָלקס"), ווייל ס'איז ניט קיין („פאָן") פאַרגעניגן, האָט מען פולשטענדיק צעטיילט די דורות. דער עלטערער דור דאַוונט אַליין; אַזוי אַליין, ווי נאָר עלטערע מענטשן קאָנען זיין אַליין. דאָס יונגוואָרג מיט סטודענטן־רבנים און סטודענטן־חזנים האָבן זיך „פאָן" באַזונדער ביים דאַוונען. אַזוי באַזונדער, אַז מען האָט אפילו אַ באַזונדערן אַריינגאַנג אינגאַנצן דורך אַנאַנדער גאַס, מען זאָל זיך אפילו ניט באַגעגענען איינע מיט די אַנדערע.

די יונגינקע חזנים און די שיינע משוררים פרעזענטירן די תפילות אויף א העכסט אטראקטיוון אופן. נישטא דער ציטער, דער דרך־ארץ וואס פאדערט זיך פארן עלטערן דור. די מורא ארויסצורידן א ווארט — גלייכע מיט גלייכע. איז דאך דאכט זיך אלץ גוט און פיין און וואויל; נאר, לאמיר זיך אויף א רגע פארשטעלן ווען די הונדערט קינדער, אדער פופציק, אדער פינף־און־זיבעציק, גיבן זיך א לאז אריין אין דער גרויסער שול צו די הקפות, וויאזוי וואלט שמחת תורה דעמאלט אויסגעזען?

און נאך איין קשיא שטעלט זיך דא אוועק זייער הארב: וואו איז דער מיטל־סטער דור? וואו זיינען טאטע־מאמע פון די קינדער — טעכטער און זין פון די עלטערע מענטשן? ימים נוראים איז דא געווען געפאקט, וואו זיינען זיי היינט? שמחת תורה? דער ענטפער איז געקומען ארום צוועלף אזייגער. טאטע־מאמע זיינען געגאנגען אייקויפן („שאפינג") און איצט זיינען זיי געקומען אפנעמען די קינדער.

* * *

אמאל איז שמחת תורה געווען א יום־טוב פאר דער גאנצער משפחה — קינד און קייט. אמאל זיינען אייניקלעך געלאפן איבער אלע גאסן מיט די פאנען אין די הענט. אמאל האבן קינדער מיט גרויס יראת הכבוד באגלייטראגן טאטעס און זיידעס די טליתים, די סידורים און משניות. אמאל האבן זיך זיסע אייניקלעך געכאוועט ביי די זיידעס אויף די שויסן, און אוראלטע מעשהלעך האבן געצונדן קינדערישע פאנטאזיעס גאר אין לשער, און טאמער איז דער זיידע געווען א שטרענגער, א בייזער, האבן באבעס געהאלטן גרייט פולע הענט מיט צערטלעכ־קייט און ליבשאפט.

היינט זיינען דאס צוויי ווילד־פרעמדע וועלטן — מזרח און מערב. צי איז דאס ניט בעסער אזוי? מען מוז דאך פארט אנערקענען אז דאס קינד דארף זיך אויסלעבן אין זיין אייגענער וועלט, בישט צווישן דערוואקסענע, א פשיטה שוין עלטערע מענטשן. געוויס איז עס אזוי, אבער צי טאקע איז נויטיק די אפגע־זונדערטקייט צו דערפירן ביזן שארפסטן וויטיקלעכן עקסטרעם? איז טאקע ניטא קיין מיטלוועג?

אויף אלץ, זאגט מען, איז פאראן א צייט און (לויט דער מיינונג פון דעם שרייבער) שמחת תורה איז א צייט ווען די דורות דארפן זיך פרייען צוזאמען — פונעם ייגנסטן ביזן עלטסטן. אדער ס'איז ביי די עלטערע ניט קיין שמחה און ביים יונגוואוג ניט קיין תורה, און עס ווערט צעשטערט א וואונדערלעכע טראדיציע.

צי איז די צעטיילונג פון די דורות בלויז ביי יידן אזוי שארף? א, ניין. מיר אלע ווייסן אז דיזעלבע דערשיינונג מערקט זיך אויך ביי אנדערע נאציאנא־ליטעטן און ביי אמעריקאנער פון אנדערע גלויבנס. נאר ווי האט געזאגט משה נאדיר ע"ה: „אלע פעלקער זיינען גלייך נאר יידן אביסעלע גלייכער"...

דאס דארף בשום אופן ניט פארשטאנען ווערן ווי א מיינונג צו באגרעניצן חס וחלילה, דאס קינד און זיין סביבה, וואס עס דארף אזוי נויטיק האבן פאר זיין אנטוויקלונג. אבער, צי דארפן מיר זיך ניט זארגן וועגן דער אייננגלידערונג פון די דורות? צי איז דאס ניט אזא וויכטיקער טייל פון דעם קינדס אנטוויקלונג ווי, למשל, צוגרייטן אים פאר א פאזיציע אין לעבן? קענען זיך באגעגענען און אנ־

**חנה בושעל־סאַלאָוו**

# ישראל׳ס קינדער

טאַנצט, אידישע קינדער, טאַנצט!
אַלע, אַלע, אין אַ קראַנץ!
אייך באַגלייטן אַלע שטערן,
אייער רוף פון ווייט מיר הערן!...

און אויף אַלע שווערע וועגן,
מוטער רחל קומט אַנטקעגן!
אירע אויגן ווי די שטראַלן,
זי בעט, זיין שטאַלץ, ניט געפאַלן!...

ישראל, אונדזער לאַנד און היים,
און אויפן פעלד, בלום און בוים!
אונדזערע קינדער, אונדזער הויז,
און אַלץ וואָס איז ליב און גרויס!...

אונדזערע זין איילן, ניט פאַרזאַמען,
איבער דערנער, איבער צאַמען —
בויען זיי שאָסייען, וועגן,
און קומען דעם פאָלק אַנטקעגן!

און מוטער רחל, היט און היט,
אַלץ וואָס אין לאַנד וואַקסט און בליט!
אָט־די שפע אויף די פעלדער,
און די גרינע יונגע וועלדער!...

---

קניפּן פאַרבינדונג מיט מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער איז גריילעך אַ וויכ־טיקער טייל פון צוגרייטונג בכלל.

די יונגע טאַטע־מאַמע מיען זיך צו שאַפן אַ נייע, אָדער אויפלעבן די אַלטע יידישע טראַדיציעס פאַר קינד; פאַרן קינד, ניט פאַר זיך. אין אונדזער צייט לעבן פיר דורות זייט ביי זייט; צי דאַרפן מיר זיך ניט פאַרטראַכטן וועגן דער שייכות צווישן די פיר דורות? — ושננת לבניך ודברת בם...

נו, און מיר, די „פערטע דימענסיע", די וועלטלעכע יידן, די וואָס כאַפּן זיך אַריין אין אַ שול צום דאַווענען בלויז דעמאָלט, ווען עס גיט אַ קלעם אונטערן לעפעלע; וואָס טוען מיר, אָדער וואָס קאָנען מיר טאָן כדי צו דערהאַלטן די גאַנצקייט און די נאָענטקייט פון די לעבעדיקע דורות, אַז זיי זאָלן ניט אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט ווערן. דאָס איז אַ קשיא וואָס זוכט אַ תשובה.

יצחק ניומאַן

# ירמיהו הנביא, דער טראַגישער מקונן

ירמיהו איז דער איינציקער נביא, וואָס מיר ווייסן די געשיכטע פון זיין פערזענלעכן לעבן; בשעת ביי אַנדערע נביאים ווערט אין זייערע ספרים דערציילט פון נבואות פון אַ נאַציאָנאַלן, אויך אוניווערסאַלן כאַראַקטער, און דער פּערזענ־לעכער לעבן זייערער ווערט ווייניק דערמאָנט. אַנדערש אָבער איז ביי ירמיהו. אין גרעסטן טייל פון זיין ספר איז דערציילט אינטימע איינצלהייטן פון זיין שווער לעבן, און פאַר דעם רייכן מאַטעריאַל האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די געניטע און פלינקע פעדער פון ירמיהו׳ס תלמיד, ברוך בן נריה, וועלכער האָט פאַרצייכנט דעם נביא׳ס אָפּשטאַם, אַז ער איז דער זון פון חלקיהו הכהן פון דער שטאָט ענתות נעבן ירושלים, און אַז גלייך פון קינדהייט אָן האָט ער מיטגעמאַכט אַ סך אומ־גליקן און גרויסע צרות, די גאַנצע צייט פון זיינע צוויי־און־פערציק יאָר אַלס נביא.

אין זיין צייט האָבן זיך געביטן פיר מלכים. עס איז געווען פאַרן נביא אַ לאַנגע קייט פון יסורים און רדיפות פאַר זיינע איבערצייגונגען... אויך אַנדערע נביאים זיינען געגאַנגען קעגן שטראָם, אָבער קיין נביא האָט ניט אַזוי געליטן גייסטיקע און פיזישע שפּאַנונג ווי ירמיהו. מיר געפינען ווי אליהו אַנטלויפט פאַר אַחאָבן; עמוס אַנטלויפט קיין יהודה איבערן צאָרן פון אַמציה דעם כהן פון ישראל; אויך ישעיהו ווערט געשטערט צו רעדן צום פאָלק; אָבער קיינער האָט ניט געהאַט אַזוי פיל צער און יסורים ווי ירמיהו, וועלכער איז אַריין אין דער געשיכטע ווי אַ קדוש. אַ חוץ ביאָגראַפישע שטריכן ווערן דערציילט פון אים אין רייכע פאַרבן וועגן די שאַרפע מוסר־רייד פון ביטער־גאַליקן צאָרן. שפּיזן־ווערטער, פול מיט שוואַרץ־זעעריי, ווי ער גיסט פעך און שוועבל אויף יונג און אַלט.

ירמיהו איז ווייט ניט צופרידן מיט זיין ראָלע אַלס נביא. ער בעט זיך ביי גאָט: „פאַרוואָס מוז איך זיין אַ נביא פון שטרייט און קריג?" און אַ געפיל פון יאוש פאַלט אויף אים. ער באַוויינט דעם גרויסן בראָך וואָס גייט קומען; ער בעט זיך ביי גאָט:

> אַ, ווען מ׳גיט מיר אַן אָרט אין מדבר, וואו עס נעכטיקן וועג־מענטשן,
> וואָלט איך פאַרלאָזן מיין פאָלק און וואָלט אַוועקגיין פון זיי...

(קאַפּ. ט־א׳)

אָבער ער קאָן ניט אַנטלויפן, פונקט ווי יונה הנביא האָט ניט געקאָנט אַנט־לויפן פון גאָט׳ס שליחות צו דער שטאָט נינוה; אויך קאָן אַ נביא ניט זיין שטענדיק פול מיט ביטערקייט. און פונקט ווי יחזקאל הנביא, וואָס ווערט פון אַ שטראָפער, אַ טרייסטער, אַזוי האָט אויך ירמיהו געביטן זיין טאָן. ער באַדויערט נאָר זיין ביטערן גורל, וואָס ער איז אַזוי איינזאַם, אין זיין קאַמף מיטן מלך, מיט די כהנים, און מיט אַ טייל פון די נביאים, וועלכע קאָלאַבאָרירן מיטן מלך. ער איז אויך אין קריג מיט גאָט, וואָס האָט אים אָפּגענאַרט: פריער אים געמאַכט פאַר אַ נביא, און צום סוף געלאָזט מאַכן אים צו שאַנד און צו שפּאָט, מחמת מ׳הערט זיך ניט צו צו זיינע רייד, גאָט׳ס רייד, וואָס האָט געוואָרנט ניט צו שליסן קיין בונד מיט מצרים קעגן בבל.

עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך מוט און געוואַגטקייט צו קומען אין בית־המקדש אויסגיסן זיין צאָרן און ביטערקייט, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין זיין האַרץ. ער רופט דאָס הייליקע הויז — די הייל פון פּרוצים. ירמיה דערלויבט זיך אויך די העזה צו זאָגן זיינע נבואות וועגן חורבן — און וואו? אין סאַמע הייליקן הויז! ער זאָגט: „דער דאָזיקער הייליקער בית־המקדש וועט חרוב ווערן, אַזוי האָט געזאָגט גאָט, אויב איר וועט זיך ניט צוהערן צו מיין תורה און צו מיינע קנעכט, די נביאים, וואָס איך שיק צו אייך. איך וועל מאַכן די שטאָט פאַר אַ קללה ביי אַלע פעלקער פון דער ערד.״

אַזוי גיך ווי ירמיהו האָט געענדיקט ריידן, האָבן די כהנים, לוויים און אַ טייל פון פאָלק זיך געכאַפּט צו אים און געוואָלט אים צערייסן אויף שטיקער, און מיט קולות געליאַרעמט — שטאַרבן מוזטו! עפּעס ווי דורך אַ נס איז ירמיהו ניצול געוואָרן פון טויט. עטלעכע מענטשן האָבן זיך פאַר אים איינגעשטעלט. דער עולם האָט ווירקלעך געגלויבט אַז דער נביא שעלט זיי און ווינטשט זיי שלעכטס. אָבער זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז מיט בלוט און ווייטאָג זאָגט ירמיה די נבואה פון גאָט, און דער נביא קען ניט שווייגן, ווען זיין אויג זעט ווייטער און זיין אויער הערט פריער פון אַלעמען:

איך דריי מיך פון ווייטאָג, מיין האַרץ טוט ברומען אין מיר;
איך קאָן ניט שווייגן, אַ קול שופר הערט מיין זעל, אַ ליאַרם פון מלחמה.

* * *

דער נביא זעט דאָס זיינע רייד האָבן ניט קיין ווירקונג, נעמט ער זיך צו סימבאָלן. ער דערציילט:

איך האָב אַראָפּגענידערט צום הויז פון טעפּער
און געזען ווי ער טוט אַרבעט מיט ליים.
ער מאַכט אַ כלי און קנעט איבער און מאַכט אַנאַנדער כלי.
און גאָט׳ס וואָרט איז געקומען צו מיר:
„זע! ווי די ליים אין די הענט פון די טעפּער,
אַזוי זענט איר אין מיין האַנט.״

(קאַפּ. ד׳־י״ט)

ירמיהו רופט דאַן אַלע כהנים און מיוחסים צום מיסט־טויער, וואו דאָס ברוכוואַרג ליגט, און ער קויפט אַ ניי עם קרוג און צעשמעטערט עס אויף שטיקשטיקלעך: — „אָט אַזוי וועט איר און די שטאָט ירושלים צעבראָכן ווערן.״

אָבער ווי אַזוי האָט ער געקענט גלויבן אין אַזאַ שוואַרצזעעריי? ווען אַלעס אַרום איז געווען פול מיט שפע, פרייד, זאַטקייט און לוקסוס־רייכקייט. האָבן די מאַסן איגנאָרירט דעם נביא; אַנדערע ווידער האָבן אים גערודפט. דער נביא רופט פאַר תשובה פון זינד, און איז מתפלל צו גאָט בטל צו מאַכן די גזירה.

זייער פּאַטעטיש איז דאָס וואָס דער נביא בעט רחמנות פאַר זיין באַליבט פאָלק, אין אַ צייט ווען דאָס אייגענע פאָלק האָט אים פיינט. אויך זיינע נאָענטע פריינט, זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבן באַהאַלטענערהייט מסכים געווען מיט אים, האָבן אָבער ניט געהאַט גענוג מוט צו פאַרטיידיקן אים עפנטלעך. בלויז אחיקם, דער זון פון שפן דעם סופר, האָט זיך פאַר אים איינגעשטעלט.

אין די דאָזיקע אומרואיקע צייט זיינען די עולי־רגלניקעס און די טוריסטן געווען צערייצט וואָס ירמיהו האָט אַ תל געמאַכט פון זייער איינציקער טרייסט, אַז דער בית־המקדש וועט זיי ביישטייען אין אַלע אומגליקן. דער נביא ווערט נאָך מער אַריינגעטאָן טיף אין ביטערן ווייטאָג און ער פאַרפאַסט אַ נייע סאָרט ליטעראַטור, ענלעך צו די תפילות פון תהילים. ער גיסט אויס זיין געבעט צו גאָט, וואָס ענטפערט אים:

זאָלסט ניט מתפלל זיין פאַר דעם דאָזיקן פאָלק
און ניט אויפהויבן אַ געשריי פאַר זיי;
וואָרים איך הער דיך ניט; זעסט ניט וואָס זיי טוען?
די ברענגען אָפּפער צו פרעמדע געטער כדי מיך אויפצורייצן.
טוען זיי דען מיר אויפרייצן? זאָגט גאָט:
צי ניט זיך אַליין, צו דער שאַנד פון זייער פנים. (קאַפּ. ז׳־ט״ז).

די שטימע פון גאָט רופט דעם נביא: „גיי וואַנדער איבער די גאַסן פון ירושלים און זע, אויב עס איז פאַראַן איינער וואָס טוט גערעכטיקייט, וואָס זוכט ערלעכקייט, וועל איך פאַרגעבן.״ און ירמיהו באַשטימט ביי זיך צו טאָן דאָס וואָס עמוס האָט געטאָן: „איך וועל אויך פאַרשרייבן מיינע נבואות אין אַ בוך, אפשר וועלן מיינע רייד ווירקן בעסער דורך אַ געשריבענעם בוך.״ ער רופט זיין תלמיד, ברוך בן נריה, וועלכער פאַרשרייבט אין אַ מגילה די רייד פון גאָט.

ווען די מלוכה־לייט האָבן געהערט די נייעס וועגן דער געשריבענער מגילה, וואָס ברוך בן נריה לייענט פאַרן פאָלק, האָבן זיי באַפוילן אים אויך צו לייענען פאַרן מלך:

„און עס איז געווען אין פינפטן יאָר פון הערשאַפט פון יהויקים, דער עלטסטער זון פון יאשיהו, וועלכער איז געזעסן מיט זיינע מיניסטאָרן אין זיין ווינטער־פּאַלאַץ און נעבן אים איז געשטאַנען אַן אויוון מיט פייער־הייסע קוילן. האָט דעם מלכס סעקרעטאַר געלייענט די מגילה, און יהויקים צערייסט מיט דער שווערד די בלעטלעך וואָס זיינען געלייענט געוואָרן און וואַרפט זיי אַריין אין פייער.

(דאָס איז אפשר געווען די ערשטע ביכער־פאַרברענונג אין דער געשיכטע).

דער מלך איז געוואָרן אָנגעצונדן מיט גרויס כעס; ער באַפעלט צו כאַפּן דעם נביא צוזאַמען מיט זיין תלמיד. אָבער זיי האָבן זיך באַהאַלטן, ווייסנדיק וואָס עס האָט פּאַסירט אין אַזאַ ענלעכן פאַל מיט דעם נביא אוריה בן שמעיה פון קרית יערים, וועלכער האָט שלעכטע נבואות געזאָגט אויף מלכות יהודה און געמוזט אַנטלויפן קיין מצרים. שפּעטער ווערט ירמיהו געכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אין אַ ליים־גרוב. אָבער דער נייער מלך צדקיהו שיקט זיין קנעכט, וואָס האָט אים פון דאָרט אַרויסגעצויגן קוים אַ לעבעדיקן. און דאָס וואָס ער ווערט נאָך באַטראַכט פאַר אַ פאַררעטער, מאַכט גאָר שווער זיין ביטער האַרץ און ער רופט אויס:

הלוואַי ווערט מיין קאָפּ מיט וואַסער
און מיין אויג — אַ קוואַל טרערן,
איך וואָלט באַווייַנט טאָג און נאַכט
די דערשלאָגענע טאָכטער, מיין פאָלק . . .

אין גרויס פאַרצווייפלונג זעט דער נביא חורבן און אונטערגאַנג:

איך קוק אויף דער וועלט, זי איז וויסט־ליידיק,
אויף די הימלען — ניטאָ קיין ליכט; די בערג, די ציטערן,
אַלע הייכן טרייסלען זיך, איך קוק — ניטאָ קיין מענטש...
(קאַפּ. ד׳־כ״ג).

* * *

ירמיהו׳ס ראָלע האַלט ביים סוף. ער איז אַלט, מיד און אויסגעמאַטערט, אָן אַ טראָפּן פרייד. דיקטירט ער אַ טרייסט־בריוו צו די פאַרטריבענע יידן אין בבל:

אַזוי זאָגט גאָט:
פאַרמייד דיין קול פון געוויין און דיינע אויגן פון טרערן,
וואָרים פאַראַן אַ לוין פאַר דיין מי; זוכט דעם פרידן
פון דער מלוכה וואָס איך האָב אייך פאַרטריבן אַהין,
און אין איר פרידן וועט אויך זיין פרידן צו אייך... (קאַפּ. ל״א).

פון דער דאָזיקער וואָרנונג האָט דער אמוראי שמואל (ברכות נ״ה) פעסט־געשטעלט דעם פּאָסטולאַט פון „דינא דמלכותא דינא.״ ירמיהו עצהט אויך די יידן אין בבל צו בויען הייזער און פלאַנצן ווייגערטענער:

איך וועל אייך פון דאָרטן אַרויסנעמען
און צוריקברענגען אין אייער לאַנד;
איך וועל ברענגען אַ רפואה צו דיר
און דיינע וואונדן וועל איך היילן, זאָגט גאָט.
דער חרובער בית־המקדש וועט צוריק אויפגעבויט ווערן,
און איך וועל אייך מאַכן פאַר אַ באַנייט פאָלק מיט אַ ניי האַרץ,
און איר וועט ווערן די טרעגער פון אַ ניי יידישקייט...

---

**יהושע ריווין**

## שלעכטס און גוטס

ס׳קאָן דער מענטש גאָר גוט ניט זיין:
ס׳שלעכטע וועגט אַריבער;
ס׳ליגט דאָס שלעכטע אין זיין גוף,
אין אַלע זיינע גלידער.

טיף באַגראָבן איז דאָס שלעכטס
אויך אין מענטשנ׳ס מוח;
האָט שוין ווער דאָס שלעכטס באַזיגט?
האָט שוין ווער געהאַט דעם כוח?

איינער בלויז — אַ צדיק איז —
קאָן דעם סם באַזיגן;
וויפיל אָבער פאַלן אום,
ווי פאַרסמטע פליגן?...

משה וויסמאַן

# אַ לולב מיט אַן אתרוג

אסתר שומיאַטשער־הירשביין — געווידמעט

„אַז ס'איז באַשערט קומט עס אַליין אין שטוב אַריין.‟ צוליב וואָס זאָג איך עס? כדי צו דערציילן אַן איבערראַשנדיקע פּאַסירונג, וואָס איז געקומען צו אונדז אין שטוב אַריין, דעם ערשטן טאָג סוכות, אין דעם לאַנד ישראל.

פון מיינע יוגנטלעכע יאָרן געדענק איך, ווען עס פלעגט קומען דער ליבער יום־טוב סוכות און מען האָט געדאַרפט בענטשן אתרוג, פלעג איך האָבן אַ סך צער; איך בין מקנא געווען מיינע חברים יינגלעך, וועמעס טאַטעס עס האָבן געקענט זיך פאַרגינען צו קויפן אַ לולב מיט אַן אתרוג פאַר זיך. מיין טאַטע האָט נישט פאַרמאָגט דעם גרויסן קאַפּיטאַל דאָס צו קויפן. דערפאַר האָבן מיר קינדער אין שטוב געדאַרפט וואַרטן ביז דער שמש פון „אונדזער בית־מדרש‟ איז גע־קומען צו אונדז מיטן קהלשן אתרוג, און אין איילעניש אָפּגעזאָגט די ברכה: „על נטילת לולב‟, אַ טרייסל געטאָן אים, אַוועק מיט דעם לולב און אתרוג און פּטור!...

אין יענער צייט, אין מיינע ייִנגלשע יאָרן, איז דאָס אויכעט געווען אַ שטילע טראַגעדיע... אָבער אַ יידיש יינגעלע האָט אַ סך אַזעלכע „טראַגעדיעס‟ איבער־געלעבט. אַז איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך זיך דערוויַיטערט פון מיין טאַטנס דרכים, נאָר דער לולב מיט דעם אתרוג איז מיר פאַרבליבן אין מיין געדאַנק.

* * *

אין יאָר 1950 בין איך מיט מיין פרוי געקומען קיין ישראל. פינף חדשים שפּעטער איז אָנגעקומען אונדזער נאָענטסטע פריינדין, אסתר הירשביין. דאָס גוטע מזל האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן ווידער ווערן נאָענטע שכנים: זי, אין דער שיינער שטאָט חיפה, און מיר, אין קליינעם שטעטל קרית ביאַליק, ניט ווייט פון חיפה. פלעגן מיר טאָקע אָפט פאָרן איינער צום אַנדערן.

אסתר פלעגט שטענדיק קומען צו אונדז מיט פרישע בלומען אין אירע הענט: אַ בוקעט רויזן, אַ האַלבן טוצן גלַאדיאָלעס, ווייסע ליליעס, אַ בינטל שיינע פעלד־בלומען. אסתרס חוש פאַר שיינע בלומען איז אונדז גוט באַקאַנט געווען. אַז אסתר האָט טעלעפאָנירט אַז זי וועט היינט קומען, האָט מיין פרוי, הינדע, שוין געוואוסט אַז זי דאַרף צוגרייטן דאָס גרינע בלומען־טעפּל, עס זאָל שטיין אויפן טיש. אַזוי האָט זיך דאָס געפירט ביי אונדז אין אירע וועכנטלעכע באַזוכן.

און אָט איז דער ליבער יום־טוב סוכות אָנגעקומען. די יידן אין ישראל האַלטן אַז אין דאָזיקן יום־טוב איז אַ מצוה עולה־רגל צו זיין קיין ירושלים (ווי אין אַמאָליקע צייטן), אָדער גיין באַזוכן פריינד, משפחה, און דערביי ברענגט מען שיינע בלומען אַלס מתנה.

דעם טאָג ערב סוכות האָט אסתר שוין געהאַט באַשלאָסן אַז איה״ש מאָרגן פרי, וועט זי צופאָרן צו די וויסמאַנס. טאָ ווי וועט זי מאָרגן קענען קויפן בלומען, ווען די געשעפטן וועלן זיין צוגעמאַכט? האָט זי ניט קיין אַנדער ברירה ווי טאָקע

היינט, ערב יום־טוב, צופאָרן אין דעם אויטאָבוס צו דעם מאַרק, וווּ מען פאַר־קויפט בלומען.

אין אַזאַ טאָג איז דער בלומען־מאַרק פול מיט קונים. אסתר באַמיט זיך אַריינצוטשעלן אין אַ „ריי", און ביז זי וועט אָנקומען צום בלומען־פאַרקויפער וואַנדערט זי מיט אירע בליקן איבער דעם טומלדיקן מאַרק, און פונדערווייטנס דערזעט זי אַ רייע טישלעך, וואו מען פאַרקויפט דאָרטן — לולבים מיט אתרוגים.

ביי אסתרן אין קאָפּ בליצט אויף אַ גוטער געדאַנק: בלומען ברענגט זי דאָך יעדעס מאָל ווען זי קומט. מאָרגן איז סוכות. יידן בענטשן אתרוג; און משה וועט דאָך זיכער וועלן אתרוג בענטשן... טאָ פאַרוואָס זאָל זי ניט בעסער איינקויפן דעם „הייליקן געשפּאַן" — אַ לולב מיט אַן אתרוג, אַנשטאָט בלומען?....

עס געפעלט איר דער דאָזיקער איינפאַל. שטעלט זי זיך אַרויס פון איר „ריי" און זי לאָזט זיך גיין צו יענע טישלעך, ביי וועלכע עס שטייען פרומע יידן מיט לאַנגע און קורצע בערד, ווייסע און דינע הענט, וואָס באַדינען זייערע קונים.

אַ קורץ יידעלע, וואָס קוקט אויס צו זיין פון דעם לאַנד תימן, מיט אַ שוואַרץ בערדעלע און געקרייזלטע פּיאות, שמייכלט צו איר פרום, גלייך ווי ער בעט זיך זי זאָל ביי אים קויפן אַן אתרוג מיט אַ לולב; מיט די הדסים און ערבות — אַלע פיר מינים.

אַז אסתר שטעלט זיך צו צו זיין טיש, ווייסט זי דאָך ניט אויף וועלכעס זי זאָל אַפּריער מקפּיד זיין: באַקוקן דעם אתרוג? דעם לולב?... וואָס ווייסט אַן אשה פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן: צי דער אתרוג שטאַמט פון ארץ־ישׂראל? צי פון גריכישן אינדל קאָרפו?...

אָבער דער געניטער אתרוגים סוחר דערקענט זיינע קונים. באַט ער איר אָן, אַז ער וועט שוין אי ר ניט אָפּנאַרן. ער וועט איר געבן אַזעלכעס, וואָס וועט זיין כשר לכל הדעות... און ער נעמט טאַקע אַרויס פון אַ פרישׁ קעסטל אַ גרינעם אתרוג, פון אונטער אַ באַרג וואַטע, און ער ווייזט איר אַן אויפן „פּיטום", דאָס מיינט, אַז דאָס איז די הויפּט מעלה פון אַ כשרן אתרוג. גלויבט אים אסתר. זי וועט דאָך ניט קויפן פאַר משהן אַן אתרוג, וואָס זאָל זיין מיט אַ מום!..

אָט אַזוי האַנדלט זי איין אַן אתרוג, אַ לולב, און אַלץ מיט אַנאַנדער.

* * *

היינט איז דער ערשטער טאָג סוכות. אסתר פּוצט זיך אויס מיט אירע יום־טובדיקע קליידער און זי פאַרלאָזט די שטוב וואו זי וואוינט אויפן באַרג „הכוזע", און זי לאָזט זיך אַרונטערגיין צו דער סטאַנציע צום אויטאָבוס, וואָס פאָרט קיין קרית ביאַליק.

דער אויטאָבוס איז כמעט שוין באַזעצט מיט יום־טובדיקע יידן, ווייבער און יונגוואַרג. אסתר שטייגט אַריין אין דעם אויטאָבוס, מיט אירעביידע הענט פאַרנומענע: איין האַנט האַלט דעם לאַנגן לולב, די צווייטע האַלט דעם אתרוג, אין אַ גלעזערנע פּושקע מיט וואַטע צוגעדעקט, אַז קיינער זאָל אים קיין גוט־אויג ניט געבן...

אסתר געפינט פאַר זיך אַ ליידיק פּלאַץ וואו זיך אַוועקצוזעצן. אירע מיט־פאָרער קוקן נייגעריק אויף איר יום־טובדיקן שאַל, און נאָך מער אויף דעם לולב מיט דעם צוגעדעקטן אתרוג....

דער „בהג" (קאָנדוקטאָר) לאָזט דעם אויטאָבוס אין אַ גיכן גאַנג, און דער לובל אין אסתרס האַנט וויגט זיך, דאָ צו מזרח און דאָ צו מערב; גלייך ווי אסתר דאָ זיצנדיק בענטשט אתרוג... און דער עולם שמייכלט.

נאָך צוואַנציק מינוטן פאָרן, איז אסתר שוין אין קרית ביאַליק. דער אויטאָבוס בלייבט שטיין, און אסתר מיטן „הייליקן געשפאַן" שטייגט אַרויס פונעם אויטאָבוס, און זי לאָזט זיך גיין צו דער גאַס מיט דעם נאָמען „גפן."

אָט דאָ, ווייסט אסתר, וואו די ווייסמאַנס וואוינען, אַזש די לעצטע הויז.

מיט איר יום-טובדיקן שמייכל און פאַרנומענע הענט, גייט אסתר מיט פרומע געדאַנקען. זי ווייסט דאָך, אַז דערביי פאַרדינט זי אַ גרויסע מצוה...

די גאַס איז אַ לאַנגע און אַ שמאָלע. די שכנים פון דער גאַס קענען אפילו אַריינקוקן אין די שטיבער, איינס צום אַנדערן. בכלל זיינען טיר און פעצטער אָפן, זומער און ווינטער. קוקט מען טאָקע און מען זעט אַלץ און אַלעמען, ווער עס גייט און צו וועמען מע גייט.

אסתרס גאַנג מיטן לולב און אתרוג אין אירע הענט, האָט געבראַכט צו די פענצטער אַלע שכנים. מיט וואונדער האָבן זיי אַלע זיך געפרעגט: „אַ שטייגער צו וועמען גייט אַ יידישע טאָכטער אויף דער גאַס מיטן „גרינעם געשפאַן"? וועלכער צדיק הדור וואוינט דאָ אויף דער גאַס, וואָס קען זיך נישט באַגיין אָן אן אתרוג צו בענטשן?..

אַז די „טרעגערין" איז נישט קיין היגע, דאָס דערקענען זיי אין אירע קליידער.— אַוודאי פון דער רייכער אַמעריקע... אָבער צו וועמען גייט זי?

אין הויז נומער 40 וואוינט דער „צדיק" משה. וואָלטן זיינע שכנים צוגעלייגט די אויערן צו זיין טיר, וואָלטן זיי דערהערט די טענות וואָס משה שלייִדערט אויף זיין ווייב הינדע... ער זאָגט צו איר:

— נו ?... פרעג איך איצט ביי דיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: וואָלט ניט גלייכער געווען ווען מיר וואָלטן נאָך פאַר סוכות צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע? אָט גיי זיך אַדורך אין גאַנצן שטעטעלע, צי וועסטו געפינען מער ווי דריי-פיר סוכות? און אויף דער גאַנצער לאַנגער גאַס זעסטו ניט מער ווי א י י ן סוכה!.. און אָט זע ! ס'איז שוין באַלד צוועלף דער זייגער און כ'האָב נאָך ניט געזען, כאָטש איינעם, אַז ער זאָל זיך באַווייזן מיט אַ לולב און אתרוג, אַז מיר זאָלן אויכעט קענען אַריינרופן! אדרבה! וואָס וועלן מיר דאָ טאָן די גאַנצע וואָך אָן אתרוג בענטשן? איך פרעג דיר, זאָג מיר!...

פלוצלינג צעקלינגט זיך דאָס גלעקל פון משהס טיר. פרעגט ער ביי הינדען: — אַ שטייגער, ווער קומט צו אונדז אומגעריכט? בן-גוריון? ער האָט בילכערע צו באַזוכן! ענטפערט הינדע: — צו וואָס וועלן טרעפן ווער עס קומט? גיי צו, עפן די טיר, וועסטו זיך דערוויסן!...

פאָלג איך איר, אָבער איך עפן אויף בלויז אַ שמאָל שפּעלטעלע. לאָמיר בלויז אַ קוק טאָן ווער דאָס איז.

אָבער ווי נאָר איך דערזע וו ע ר עס קומט צו אונדז... און וו אָ ס איך זע, זי האַלט אין אירע הענט... פיל איך ווי עס נעמט דורך אין קערפער אַ ציטער. און מיט אַ דערשטיקטע שטים, פון וועלכע עס הערט זיך דער ווייטאָגלעכער

מיטלייד, טו איך אַ זאָג: אסתר! אוי ווי איז מיר... אַזוי שלעכט האָלט דאָס שוין ביי אייך?... און איך עפּן ברייט די טיר פאַר איר.

אין שטוב גייט איר אַנטקעגן הינדע, מיט פאַרבראָכענע הענט, און זי קוקט איר אָן אַ ווײַלע... זי קען דאָס אויך ניט פאַרשטיין... אָבער פרעגן לאָזט איר דאָס האַרץ ניט. הייסט זי איר זיך צוזעצן און זי נעמט פון אירע הענט אַוועק דעם לולב מיטן אתרוג, און שטילערהייט, ווי פאַר זיך אַליין, זאָגט זי: — גוטע יאָרן דער־לעבט... אסתר דאַרף גיין אין די שטיבער מיטן לולב און אתרוג, איר שטיקל ברויט צו פאַרדינען...

אסתר קוקט זיך אַרום, זי הערט זיך איין און זי טראַכט: — די מענטשן זיינען פון זינען אַרונטער! זי וויל דערקלערן, אַז דעם אתרוג האָט זי געבערענגט נאָר פאַר משהן... אָבער הינדע כאַפּט דעם שאַל אויף איר קאָפּ און זי גייט אַרויס אין דער גאַס; ווי נאָר זי דערזעט אַ סאַברעלע נעבן אַ שכנותדיקע שטוב, נעמט זי אים פאַרן הענטל און זי ברענגט אים אין שטוב אַריין: באַ, משה! בענטש מיט אים אתרוג... וועט זיין נאָך אַ צושטייער פאַר אסתרן...

אַט אַזוי האָב איך באַקומען אַן אתרוג מיט אַ לולב אינעם לאַנד פון אונ־זערע אָבות...

גאָלדע שלאָסבערג־דראַזד

# איר ענדלעכער באַשלוס

(סקיצע)

אין צימער איז געווען פינצטער. מיט די הענט פאַרלייגט איבערן קאָפּ איז רחל געלעגן אויפן דיוואַן און האָט נאָך געפילט דוד׳ס וואַרעמען אָטעם. זי האָט מעדיטירט אין הויך: — ניין, כ׳וועל ניט גיין צום אָוונט, איך קאָן ניט זיין דאָרט, וואו דוד מיט זיין ווייב געפינען זיך. דאָך נאָכן לאַנג בעטן זיך ביי איר, האָט זי אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט קומען. כאָטש זי האָט ניט געקאָנט ביי זיך פועלן צו גיין, האָט זי אָבער אַ ציטער געטאָן ביים געדאַנק: ווי אַזוי וועט זי פּאָרט קאָנען איינליגן דאָ און ניט זיין דאָרט וואו דוד געפינט זיך?...

אַ נערוועזע, אַ פיבערנדיקע, האָט זי זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער; אַלע ווײַלע געמאַכט ליכטיק אין צימער כדי צו זען די צייט. איר בויגזאַמער שלאַנקער קערפּער איז געווען אָנגעפילט מיט אַן אומרו.

אומבאַמערקט האָט זי זיך פלוצלינג געפונען שטיין ביים קליידער־שראַנק, געזוכט דאָס קלייד וואָס דוד האָט אַמבעסטן ליב געהאַט אויף איר. זי האָט גוט געוואוסט, אַז דוד׳ס ווייב וועט אים ניט אָפּלאָזן פון אויג, און אַז ער וועט אפילו ניט קאָנען זיך באַגריסן מיט איר, און וועד רעדט שוין זיך באַגריסן מיט אים... זי קאָן זיין באַטור זייער גוט — ער וועט מיט מיט דער מינדסטער באַוועגונג ניט פאַרראָטן זייער ליבע. ביי דעם געדאַנק האָט אַ הייסער שטראָם טרערן זיך אַ גאָס געטאָן פון אירע גרויסע, ברוינע און טיפע אויגן. עס האָט איר גענומען אַ לענ־גערע צייט ביז זי האָט זיך באַרואיקט. זי האָט גענומען שאַרן אין שראַנק אירע קליידער, און פאַרגעסן וועלכע קלייד זי וויל היינט אָנטאָן.

רחל האָט האַסטיק גענומען זיך אַנטאָן, ווי מורא האָבנדיק פאַר די געדאַנקען וואָס האָבן גענומען לויפן אין איר מוח. ס'האָט אַ שווער געטאָן פאַר איר די ערשטע באַגעגעניש מיט דודן. זי איז דאָן געקומען אָפּגעבן אַ גרוס דער פאַמיליע עפּלבוים, פון פריינט וועלכע וואוינען אין דער שטאָט פון וואַנען זי איז נאָר וואָס געקומען.

זיצנדיק ביי זייער טיש האָט זיך אַנטוויקלט אַן אינטערעסאַנטער שמועס. פון דוד'ס רייד און פון זיין האַלטונג האָט רחל דערפילט, אַז דוד עפּלבוים זעט אויס צו זיין אַן איידעלער מענטש. כאָטש ער איז ניט קיין צו שיינער אין אויסזען, וואָס זאָל פאַרכאַפּן ביים ערשטן בליק, האָט ער דאָך שטאַרק צוגעצויגן איר אויפמערקזאַמקייט. מיט זיין מענטשלעכן צוגאַנג צו אַלץ וועגן וואָס מען האָט גערעדט. במשך פון זייער געשפּרעך האָבן זיי גאַרניט באַמערקט, ווי זיי זיינען הינגעריסן געוואָרן איינע פון די אַנדערע.

רחל האָט פּלוצלונג באַמערקט ווי מרס. עפּלבוימס בליקן זיינען ווי שפּיזן געלאָפן פון דודן צו רחלען און עס איז איר געוואָרן זייער אומאַנגענעם. זי האָט זיך איצט געכאַפּט אַז דורך דער גאַנצער צייט ווען זי און דוד האָבן גערעדט, האָט מרס. עפּשטיין מיט קיין איין וואָרט זיך ניט אַריינגעמישט, כאָטש איר מאַן האָט זיך טיילמאָל צו איר געווענדט. רחל האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז עפּעס איז ניט אין אָרדענונג אין זייער לעבן. זי האָט געוואָלט זיך אויפהייבן און פאַרלאָזן. זי האָט אָבער ניט געקאָנט. עפּלבוימס וואַרעמע בליקן האָבן איר געהאַלטן ווי צוגעשמידט.

שפּעטער האָט זי אויסגעפונען, אַז שוין זיבן יאָרן ווי דוד עפּלבוים ווערט געמאַטערט פון זיין פרוס פאַרביסענע, אומבאַרעכטיקטע אייפערזוכט. זי קאָן ניט פאַרטראָגן וואָס מענטשן אַכטן אים און רעכענען זיך שטאַרק מיט זיינע מיינונגען. זי געפינט אויך אויס, אַז עפּלבוים האָט שוין פון לאַנג רעזיגנירט פון זיין אייגן לעבן און גיט איר אַלץ נאָך.

פון דער נאַטור אַ שטילער, גוטער מענטש, האָט ער ניט געוואָלט אַריינפאַלן אין פרעמדע מיילער, לייטיש געלעכטער, האָט ער די גאַנצע צייט געליטן און געשוויגן.

זי דערמאָנט זיך איצט ווען עפּלבוים האָט איר צום ערשטן מאָל גערופן אויפן טעלעפאָן, האָבן זיי זיך אויף מאָרגן געטראָפן. האָט זי דערפילט אַזאַ וואַרעמע באַקענטקייט צו אים, איר האָט זיך געדוכט אַז זי טרעט ניט אויף דער ערד, נאָר ווי אויף לופט וואָלט זי געשוועבט. ביים געזעגענען זיך האָבן ביידע געפילט, אַז זיי האָבן זיך איינע די אַנדערע געפונען.

זי דערמאָנט זיך איצט, ווי דוד האָט מיט זיין גלעטנדיקע שטימע צו איר גערעדט: — איך בעט אייך, האָט צוטרוי צו מיר. איך נויטיק זיך זייער שטאַרק אין אייער פריינדשאַפט; ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען, האָב איך אינ־סטינקטיוו געפילט, אַז אין אייך וועל איך געפינען דעם מענטשן אין וועלכן איך נויטיק זיך. איך פאַרזיכער אייך, אַז עס וועט אייך ניט פאַרדריסן. זי האָט צו־געשטימט אָן ווערטער...

פון דאַן אָן האָט זיך פאַר איר געעפנט אַ וואַרעמע ליכטיקע וועלט! עס האָט איר אָבער פון צייט צו צייט געעגבערט דער געדאַנק: וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם? קאָן מען אַזוי אָנגיין אָן אַ סוף? און אָט איז דאָך שוין אַוועק עטלעכע יאָר

און זי פילט זיך באַך אַלץ גליקלעך? ווי לאַנג קאָן עס אַזוי אָנהאַלטן? זי פלעגט דעם געדאַנק אַלץ אָוועקשאַרן. כאַטש טיילמאָל ווען זי וואַרפט צו אַ בליק אין שפּיגל, דערשרעקט זי זיך פאַרן פּיבער אין אירע אויגן. די פינגער פון אירע הענט ווערן קאַלט, און ציטערן, אַז זי קען קוים פאַרשפּילען איר קלייד.

ווען זי האָט זיך מיט שוועריקייט קוים אָנגעטאָן, האָט זי אַ לענגערע צייט באַקוקט זיך אין שפּיגל, געזען אויב אַלץ איז אין אָרדענונג, און איז האַסטיק אַרויס פון הויז צו גיין דאָרט וואו איר דוד געפינט זיך...

אין זאַל, וואו דער קולטור־אָוונט איז פאָרגעקומען, זיינען איר אַנטקעגן געקומען פריינט און באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר. צווישן זיי איז אויך געווען איינער אַ בחור, וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט ניט גלייכגילטיק צו איר. זי האָט אים שטיפעריש אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם. איר פלוצלינגע וואַרעמע האַנדלונג האָט אים זייער דערפרייט. ער האָט איר געגעבן קאָמפּלי־מענטן פאַר איר עקזאָטישן אויסזען און געזאָגט: אַז ער האָט קיינמאָל ניט געזען זי אַזוי שיין ווי היינט!

זי האָט אים צוגעוואָרפן אַ קאָקעטיש פריינדלעכן בליק און מיט אַ שטאַרקן אימפּעט אים אַ שלעפּ געטאָן טיפער אין זאַל וואו זי האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואָלט זיך טרעפן מיט דוד'ס וואַרעמע בליקן. אירע אויגן האָבן געזוכט דודן און, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָט איר האַנט אַ שטאַרקן ציטער געטאָן אין איר באַגלייטערס אָרעם... אין דעם מאָמענט האָט איר באַגלייטער אַ קוק געטאָן אויף איר פּנים און דערזען אַ מאָדנעם פייער אין אירע ליכטיקע ברוינע אויגן...

שפּעט אין אָוונט איז אַ גרופּע פריינט געזעסן אַרום איין טיש. צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דוד עפּלבוים מיט זיין פרוי.

דוד'ס נשמהדיקע בליקן האָבן איר געגלעט און געהאַלטן... עס איז איר געווען וואַרעם און גוט. מען האָט אָנגעפירט אַן אַלגעמיינעם שמועס. ווען דאָס ריידן האָט זיך אַביסל איינגעשטילט, האָט רחל פלוצלינג דערהערט פרוי עפּלבוימס רייד און געלעכטער. איר שטימע האָט זיך אַריינגעשניטן אין איר אויער און האַרצן מיטן זאָג: „מיין מאַן האָט מיר היינט געקויפט אַ..."

די צוויי ווערטער „מיין מאַן" האָט רחלען ווי אַ בייזער שלאַנג אַ ביס געטאָן. אַלץ אַרום איז ווי פינצטער געוואָרן. אַ שרעקלעכער ווייטאָג האָט איר האַרץ אַרומגענומען, און אַ גרויזאַמע אייפערזוכט האָט געגנומען איר עסן ווי אַ וואָרעם! זי האָט געקלערט: ווי אַזוי כאַפּט מען זיך אַרויס פון דאַנען? זי האָט זיך אויפ־געהויבן און ס'האָט זיך אַלץ אַ דריי געטאָן פאַר אירע אויגן. זי האָט אָבער זיך געשטאַרקט ניט צו פאַלן, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַוועק אַהיים.

אויפן וועג האָט זי צו איר באַגלייטער ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט. זי האָט געהאַלטן אין איין קלערן: — נו, איז וואָס אַז געזאָגט „מיין מאַן"? ביי דעם געדאַנק האָט איר קערפּער זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט...

ווען זי איז אַריין צו זיך אין שטוב האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט. פאַרדרוס און אייפערזוכט האָט צעטרייסלט איר יעדן נערוו, און ווי אַ קאַלטער שווערער מעטאַל וואָלט געדריקט אויף איר פיבערדיקן גוף.

זי האָט ווידער און ווידער צו זיך גערעדט: — נו האָט זי געזאָגט „מיין מאַן"!

איך ווייס דאָך אָבער אַז ליב האָט ער מ י ך, און אַז ער געהערט בלויז צו מיר! אָבער, איז דאָס גענוג?...

טרערן האָבן גענומען שטראָמען און קייקלען זיך איבער איר איידעלן פּנים. זי האָט דאָס איצט ניט געקאָנט באַגרייפן, כאָטש זי האָט עס שוין אַ לענגערע צייט פאַראויס געזען. פאַרוואָס האָט זי עס געלאָזט אַזוי גיין? האָט זי דען ניט געוואוסט, אַז טראָץ זיין שטאַרקע ליבע צו איר וועט ער ניט האָבן דעם נויטיקן מוט זיין ווייב אָפּצוזאָגן? אַז די „מורא" וואָס „לייט" וועלן אויף אים זאָגן וועט אים אָפּהאַלטן דערפון... זיין ליבע, זיין וואַרעמקייט, זיין איבערגעבנקייט! דאָס אַלץ האָט דאָך זי געהאַלטן אין די הימלען! ווי אַזוי האָט זי געקענט ריידן צו אים וועגן זייער צוקונפט? זי האָט ניט געהאַט דעם מוט צו ריידן מיט אים וועגן אָפּגטן זיין ווייב . . .

רחל האָט ביסלעכווייס גענומען זיך „אויסטשוכענען" פון איר איצטיקן קאָשמאַר... זי איז אַזוי געלעגן, מעדיטירט און באַטראַכט איר איצטיקע לאַגע.

אין דרויסן האָט אין דער פינצטערער נאַכט געגאָסן אַ האַרבסט-רעגן און געוואַשן די שויבן פון אירע פענצטער. זי האָט געטראַכט, אַז מער אַזוי קאָן זי ניט אָנגיין. זי מוז אָפּברעכן אירע פאַרבינדונגען מיט דודן. שוין אַ לענגערע צייט ווי זי פילט, אַז איר ווערט אַלץ שווערער און שווערער, און אַז דער געדאַנק מאַטערט זי צו אָפּט.

— וועל איך האָבן דעם נויטיקן כוח צו ענדיקן דעם פאַרקניפּטן, פאַרפּלאָנטערטן לעבן וואָס איך האָב געפירט ביז איצט?... ביי דעם האָט איר האַרץ אויפגעציטערט . . .

אין איר וואַרעמען צימער האָט רחלס קערפּער גענומען ווערן אַלץ שווערער און שווערער. זי האָט ניט געוואוסט און ניט געפילט ווי דער שלאָף האָט זיך אין איר אַריינגעוועבט.

אויפגעוועקט האָט איר דאָס טעלעפאָן-גלעקל. ס'האָט זיך איר געדוכט אַז דאָס גלעקל איז ערגעץ ווייט, ווייט. מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן האָט זי אויפגעהויבן דאָס טרייבל און געהערט אַ שטימע:

— העלאָ, העלאָ! פאַרוואָס ביסטו נעכטן אַנטלאָפן? וואָס איז געשען? וואָס מאַכסטו? איר איז געווען טרוקן אין מויל. זי האָט ממש ניט געקאָנט אַרויסריידן אַ וואָרט. זי האָט ניט געהאַט קיין שום ווילן צום ריידן. ענדלעך האָט זי גענומען באַגרייפן אַז דאָס איז דוד'ס שטימע. זי האָט איצט זייער געוואָלט ער זאָל זיין לעבן איר, פילן זיין נאָענטקייט!... זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט אויפן קול. זי האָט געהערט ווי ער זאָגט צו איר: „ליבסטע, איך קום גלייך אַריבער."

זי האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט אויפן בעט, גענומען רייבן אירע אויגן, ווי זי וואָלט דורך דעם דערזען איר צוקונפט. זי האָט גלייך באַשלאָסן, אַז היינט וועט זיך ענדיקן צווישן זייביידן.

זי איז צו צום שפּיגל און גענומען קאַמען אירע האָר. פון אירע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דערשראָקנקייט. אַ מאָדנע לייִדיקייט האָט איר אַרומגענומען. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר שיינעם קאָפּ מיטן שטערן אויפן שפּיגל און זיך שטאַרק צעוויינט . . .

זי האָט גוט געוואוסט, אַז אויב ער וועט זי דאָ געפינען וועט זי נית האָבן דעם נויטיקן כוח איר באַשלוס דורכצופירן. זי האָט מיט גרויס געאייל און שטאַרק נערוועז זיך גענומען אָנטאָן. זיין ליבע שטימע איז איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט געפילט, אַז מיטן ברעכן זייערע באַציאונגען, ברעכט זי אויך ביידנס לעבן. זי האָט אָבער נית געהאַט דעם כוח אויך צו בלייבן, און מיט אַ פעסטן טאָן האָט זי אַרויסגעזאָגט אין דער הויך: „אַזוי וועט עס געשען!"

עס איז איר דערביי געקומען אויפן זכרון: „אַז דער סוף פון איין זאַך איז פאַרקניפּט מיטן אָנהייב פון אַ נייע זאַך, און אַלע זאַכן ציען זיך דורכן לעבן ווי איין לאַנגע קייט."..

ביי דעם געדאַנק האָט רחל אויפגעציטערט: וועט עס טאַקע זיין אַזוי אויך מיט איר? זי האָט אָבער איצט פעסט באַשלאָסן, אַז מער וועט זי דודן נית זען.

אַ וואַקלדיקע, אַ דערדריקטע האָט זי פאַרשלאָסן איר טיר און פאַרלאָזן דאָס הויז...

# The Wanderings of a Jewish Youth

*"IN TEG FUN GERANGEL"* (*In Days of Struggle*) *by Isaac Friedland, author,* 4375 *Sunset Drive, Los Angeles, Calif.*, 1962, 250 pp.

This is the fourth volume of tales and reminiscences by the Los Angeles Yiddish writer. The first part of the book continues the tale of the wanderings of a Jewish youth who was forced to leave his Russian home after the failure of the Revolution of 1905. Arriving in Paris, he found himself in the midst of disillusioned ex-revolutionists who had reverted from the extreme of passionate self-sacrifice and individual asceticism to the opposite extreme of egocentrism and the worship of the flesh. The mood of *Sanine*, the best-seller of the post-revolutionary years, was dominant in Parisian emigre circles no less than among blase intellectuals of the Czarist realm. From this mood of Saninism, Friedland's autobiographic hero ultimately emerges and makes his way to America.

The second part of the volume consists of tales beneath American skies, experiences of Jewish settlers in California, and concludes with an autobiographic poem in which the author recapitulates the various stations and stages of his life odyssey.

Friedland has a warm feeling for nature and a benevolent insight into frailties of the human heart. He writes in a facile, pure style and recreates in vivid images the Jewish world of Paris and California of a half-a-century ago.

(PROF.) SOL LIPTZIN

מרים ריינעס - מעלצער

# ליכט און פינצטערניש

עס טרעפט זיך אַמאָל.
די שטימונג און וואַרעמען, ליכטיקן טאָג,
ווען מיט פרייד איז באַלויכטן דער טאָל,
און דאָס לעבן שיינט אויף מיט פרילינג;
ווי מיט אַלע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן,
האָט פלוצים, אַ כמאַרע אַלץ פאַרטונקלט,
גרויער שלייער האָט דעם רוים פאַרצויגן.

עס טרעפט זיך אַמאָל.
די לופט מיט זאַמד און שטויב וויברירט,
אַ בייזער שטורעם רייסט אויף דעם באָדן,
ווי גאָט וואָלט כעס'דיק פון אָרט זיך גערירט.
און ווי פונקען פייער וואָלט אַרום אָנגעצונדן,
און די ערד ווערט צעטרייסלט און פאַרוויסט.
און דער מענטש ווערט מיט בייזן גייסט געבונדן.

עס טרעפט זיך אַמאָל.
דער שטורעם אין די האַרבסטיקע טעג,
ווינטן די בוימער און פעלדער צעוויגן,
עס דרייט אַלץ אין ווירוואַר אויפן וועג;
אויף די פעלדער ליגט דער קאָרן צעטראָטן,
בלומען, אָפּגעריסענע, צעוואָרפן,
עס ליגן פייגעלעך פון די נעסטן צעשאָסן.

עס טרעפט זיך אַמאָל,
ווען דונער-בליצן האָט דעם טאָג פאַרבלענדט,
אַ באַרג האָט זיך אָפּגעשיילט און צעברעקלט
און האָט פאַרשאָטן און פאַרשטעלט דעם וועג.
עס האָט האָגל-רעגן די גאַסן פאַרפלייצט.
דאַן לאָזט מען זיך שווימען צום פרייען ברעג,
זיך ראַנגלענדיק קעגן אַלע געפאַרן;
אום ניט צו פאַרשעמען די קומענדע טעג.

**א. באַביטש**

# פ ע ד ע ר - ש פּ ר י צ ן

ווערטער זיינען אַזוי ווי ברילן; אָדער מען זעט דורך זיי בעסער אָדער ערגער.

* * *

מען פּראָטעסטירט קעגן רדיפות אויף יידן אין סאָוועט-רוסלאַנד—און דאָרט האָט מען פיינט פּראָטעסטן — רודפט מען נאָך מער.

* * *

בעת דעם געבורטסטאָג פון איינעם אַ כלל-טוער אין ישראל, האָט אַ רעדנער אים געוואונטשן, ער זאָל לעבן הונדערט מיט אַכט יאָר.

אויף דער פראַגע: פאַרוואָס נישט 120 יאָר? — האָט דער רעדנער געענטפערט: — צען פּראָצענט בעמט דאָך פון אַלץ אַראָפּ די רעגירונג...

* * *

אַ כלה איז אַ מיידל וואָס האָט רעזיגנירט פון זוכן פאַר זיך אַן אידעאַלן מאַן.

* * *

אַ דיפּלאָמאַט איז אַ מאַן, וואָס באַזיצט די קונסט פון איבערצייגן זיין ווייב, אַז זי וויל אַ האַנט-טאַש, אין דער צייט ווען זי וויל גאָר אַ טייערע קלייד.

* * *

טאַנצן איז די קונסט פון אַוועקכאַפּן די פיס איידער יענער וויל אויף זיי אַרויפטרעטן.

* * *

גאווה וואַקסט אויפן מיסט; ווער עס וויל, קריגט עס אומזיסט.

* * *

די בעסטע שול איז דאָס לעבן; די רייפקייט-צייגעניש גיט אונדז אָבער דער טויט.

* * *

ווען איך לאָז אַרויס אַ ליגן איבדערפרי, דערקען איך אים נישט אין אָוונט.

* * *

— וואָס איז דער חילוק צווישן אַ קברן און אַ שדכן?

— דער ערשטער באַגראָבט איינציקווייז; דער צווייטער באַגראָבט פּאָרלעך.

* * *

אַ פסיכיאַטער וועט זיך גערן צוהערן צו אייך, וויפאַנג אייערע רייד קלעפּן זיך נישט...

* * *

אַ דענטיסט איז אַ מענטש, וואָס רייסט אַרויס ביי מענטשן די ציין, כדי זיינע אייגענע זאָלן האָבן וואָס צו קייען.

* * *

אַמעריקע וואַקאַציוועט אויף רעדער: מען פאָרט אַהער, מ'פאָרט אַהין, מען פאָרט — איבער.

* * *

איידער צו ריידן אַ סך און ווייניק טראַכטן, איז גלייכער צו טראַכטן אַ סך און ווייניקער ריידן — אָדער גאָר אינגאַנצן שווייגן.

* * *

יעדער מענטש איז אַ בוך; מען דאַרף אָבער וויסן ווי אים צו לייענען.

* * *

היט זיך פאַר אומפּעאיקע מענטשן — זיי זיינען פּעאיק אויף אַלץ.

# ליטעראַרישע נאָטיצן און קולטור כראָניק

## מנשה אונגער, גאַסט אין ל. א.

דער חשובער שריפטשטעלער, פאָרשער פון חסידיזם, האָט געווייַלט אין ל.א. אַ קנאַפּן חודש און איז אויפגעטראָטן מיט אַ צאָל רעפעראַטן. אַ קבלת־פּנים אין פאָרן גאַסט איינגעאָרדנט געוואָרן פון אַ גרופּע פּריינט, אין יידישן קולטור קלוב, שבת, דעם 22טן יוני. אונגער איז אויך אויפגעטראָטן ביים אינסטיטוט „שבת־טיש" און ביים פּרץ הירשביין צווייג, אויף דער טעמע: „חסידישע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור." ביים קאָנסיל פון די לייען־קרייזן, ביים אַרב. רינג קולטור־צענטער, און אַ צאתך לשלום ביים אינסטיטוט פון יידישער דערציאונג.

## ליטעראַרישע מסיבות פון די „חשבונינאַנער"

אין שטוב פון קאָלעגע משה וויסמאַן און זיין ליבע פרוי הינדע, איז סוף יוני דורכגעפירט געוואָרן אַ ליטעראַרישע מסיבהלע. עס האָבן זיך באַטייליקט מיט לייענונגען: דער פאָרזיצער פון אָוונט, פּינטשע בערמאַן; ז. בונין; משה וויסמאַן; מרים מעלצער, יצחק ניומאַן; א. באַביטש; גאָלדע דראָזד; די חברים מאַטעס און י. פּ. האָבן גערעדט וועגן דעם מצב פון „חשבון", און נח גאָלדבערג האָט באַגריסט די דויערהאַפטיקע דערשיינונג פון „חשבון". חברה וויסמאַן, אַליין אַ מוזיקערין, האָט געגעבן עטלעכע קלאַסישע נומערן אויף דער פּיאַנע.

אַ צווייטע „חשבוניאַדע" איז פאָרגעקומען אין שטוב פון די באַביטשעס, סוף יולי. אויך דאָ האָבן זיך באַטייליקט די קאָלעגן מיט לייענונגען און שמועסן.

ביי ביידע מסיבות האָבן די חברות סערווירט פיינעם כיבוד, פאַר וואָס די פאַרוואַלטונג פון "חשבון" דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק די וויסמאַנס און די באַביטשעס פאַר זייער וואַרעמער גאַסטפריינדלעכקייט.

## לאָס אַנגעלעסער אידישער פּע"ן-קלוב

זינט דער רעאָרגאַניזירונג פונעם פּע"ן־קלוב מיט דעם איינשטעל פון נייע באַאַמטע: פּרעזידענט, י. פרידלאַנד; וויצע־פּרעזידענט, מאַטעס דייטש; סעקרע־טאַר, נח גאָלדבערג, האָט זיך אָנגעהויבן ביים „פּ.ע.נ." אַ וויבריר נדיקע טעטיקייט.

במשך די לעצטע פאַר חדשים פונעם זמן האָט דער פּע"ן איינגעאָרדנט אַ ריי ליט. אָוונטן, געווידמעט דעם אָנדענק פון אונדזערע דיכטער און בעלעטריסטן.

זונטיק אָוונט, דעם 5טן מאַי, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ה. לייוויק אַקאַ־דעמיע. עס זיינען אויפגעטראָטן: נח גאָלדבערג, י. פרידלאַנד, ברכה קודלי, יעקב שמואל טוביאַש, יעקב זינגער און א. פּאָזי.

זונטיק אָוונט, דעם 9טן יוני, האָט דער פּע"ן דורכגעפירט אַ ל. שאַפּיראָ אָוונט. ס'זיינען אויפגעטראָטן: מאַטעס דייטש, מלכה טוזמאַן, י. פּ., און דער וואָרט־קינסטלער אברהם זיגלבוים.

זונטיק אָוונט, דעם 14טן יולי, האָט דער פּע"ן דורכגעפירט אַן אברהם רייזען אָוונט, מיט דעם אנטייל פון נח גאָלדבערג, מאַטעס דייטש, ה. לאַנג, און דער שוי־שפּילער חיים אָסטראָווסקי האָט פאָרגעלייענט פון רייזענס שאַפונגען.

די דערמאָנטע מסיבות זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער פּרעכטיקער היים פון חבר ווילי שאַר באַקאַנט דאָ אין שטאָט ווי דאָס בית הסופרים. חבר שאַר איז אַ וואונדערלעכער מכניס אורח. נאָך דעם ליטעראַרישן טייל פון אָונט האָט ער סערווירט גאָר פיינעם כיבוד כיד המלך, פאַר וועלכן די פאַרוואַלטונג פון „פען" דריקט אים אויס אַ האַרציקן און חברישן דאַנק.

## איסר תלוש ע"ה

אין מיאַמי ביטש האָט זיך פאַרמירט אַ קאָמיטעט פון קולטור עסקנים און שרייבער איינצואָרדענען אַ הזכרה צום ערשטן יאָרצייט נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער, איסר תלוש ע"ה. דער קאָמיטעט האָט אויך אונטערגענומען אַן אַקציע אַרויסצוגעבן די פאַרבליבענע כתבים פון דעם פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער, וועלכער איז געווען אַ תושב אין מיאַמי פאַר אַ סך יאָרן. מיר ווינטשן די קאָלעגן וואַרשאַ, אַקערמאַן און דעם גאַנצן קאָמיטעט הצלחה אין דער וויכטיקער אַרבעט פון אַרויסגעבן תלושעס פאַרבליבענע שאַפונגען.

## ל. שפּיזמאַן, באַוואוסטער שרייבער, איז נפטר געוואָרן צו 60 יאָר

שפּיזמאַן איז געווען אַן אַקטיווער שריפטשטעלער און קולטור־עסקן. ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין פּוילן האָט שפּיזמאַן דורך ווילנע זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע. ער איז געווען דירעקטאָר פון פּרעסע דעפּאַרטמענט ביים אַל־וועלטלעכן יידישן קולטור קאָנגרעס. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ צאָל ביכער, איינשליסנדיק דריי בענד „חלוצים אין פּוילן." כבוד זיין אָנדענק.

**חיים ליבערמאַן**, באַרימטער שריפטשטעלער און סטיליסט, איז נפטר געוואָרן אין עלטער 74 יאָר.

**משה וויטיעס** (דר. מ. סאַרגאָן) איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 65 יאָר. משה וויטיעס' ווערק, „עסייען וועגן ליטעראַטור," האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס מיט זיין פאַרטיפטקייט און קריטישן צוגאַנג צו די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון אונדזער ליטעראַטור.

---

## י. פרידלאַנד פאָנד רופט שרייבער אַריינצושיקן עסייען און דערציילונגען פאַרן יאָר 1963

דער י. פרידלאַנד ליטעראַטור פאָנד האָט אַרויסגעשיקט אַ רוף צו שרייבער אַריינצושיקן זייערע עסייען און דערציילונגען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער אין יאָר 1963.

די זשורי היי־יאָר וועט באַשטיין פון זלמן זילבערצווייג, הערי לאַנג, נח גאָלדבערג און י. פרידלאַנד.

די דאָזיקע ווערק וועלן גענומען ווערן אין באַטראַכט פון דער זשורי, וואָס וועט אויסטיילן די 4טע יערלעכע פּרעמיעס פאַר אַ בעסטע עסיי און אַ בעסטע דערציילונג. יעדע פּרעמיע באַטרעפט 200 דאָלער. די געדרוקטע עסייען און דערציילונגען דאַרפן אַריינקומען ניט שפּעטער ווי דעם 15טן דעצעמבער, היי־יאָר, אויף דעם פאָלגנדיקן אַדרעס:

**I. FRIEDLAND LITERARY FUND**

**4327 Sunset Drive Los Angeles 27, Calif.**

# אונדזערע בעלי היובלים

## דער פּאָעט לוי גאָלדבערג איז געוואָרן 70 יאָר יונג!

דער שטילער און לירישער דיכטער, לוי גאָלדבערג, איז ניט געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור פון קיין גימנאַזיע, אוניווערסיטעט, אָדער ישיבה, נאָר פון אָרעמען, אַרבעטענדיקן פאָלק גופא. געקומען איז ער אַ יונגער, אַ קוואַליקער, מיט פולע זשמעניעס לידער און פּאָעמעס, וואָס האָבן אַרויסגעזונגען פון זיין האַרצן.

יעדעס ליד זיינס פאַרמאָגט אַ סיפּור־המעשה, וואו די „העלדן" ווענען ער באַזינגט, זיינען ניט קיין צופעליקע פאַרשוינען, אָדער וואַקסענע מאַניקענען, ווי מען זעט דאָס אָפט ביי אַ סך דיכטער און אפילו גוטע פּראָזאַאיקער. לוי גאָלדבערג'ס „העלדן" זיינען קודם כל מענטשן שטילע, אָבער יום־טובדיקע יידן. זיי זיינען אפילו ניט קיין פרעמדע אָדער צוגעטראַכטע — נאָר צעבליטע פון זיין אייגענעם שטאַם.

דער שטילער פּאָעט האָט מיט זיינע ניגונים ניט איינגעלייגט קיין וועלטן, ניט געמאַכט קיין רעוואָלוציעס. ניין! ער האָט בלויז באַזונגען אַזוי שיין זיין זיידן מיט דער באָבען אין מינסק, זיין טאַטן מיט דער מאַמען ע"ה און דערנאָך, שוין דאָ אין אַמעריקע — זיין ליבער פרוי בתיה; שפּעטער אַביסל, זיין חנוודיקער טאָכטער שורלי, זיין טייערן זון אליהן און די אייניקלעך. די משפחה לידער האָבן אָנגענומען די פאָרמע פון אַ פאַרצווייגטן עפּל־בוים, וואָס איז אָנגעטאָן מיט גרינע בלעטער און צווישן זיי זעען זיך אַרויס זאַפטיקע עפּל מיט רויט־געקושטע בעקעלעך פון דער זון. און מיט דער צייט זיינען אַט־די פּאָעמעס און לידער איינגעבאַקן געוואָרן ביי יעדן לייענער אין האַרצן.

צו מיין צוגעקומענעם ברודער, לוי גאָלדבערג, צו אַט־דעם צאַרטן פּאָעט, וועלכער האָט זיך איינגעקוואַרטירט ביי מיר אין האַרצן, איז צו זיין 70 יעריקן געבוירנטאָג ווילט זיך מיר איבערזאָגן די זעלביקע פאָר ווערטער, וואָס איך האָב שוין געזאָגט ביי אים אין זיין וואַרעמער היים, אַז „עס זיינען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן אָנגעזאַמלט אַ סך געלט, דימענטן און בריליאַנטן; נאָר איך האָב אויף מיין וואָגל־וועג בלויז באַוויזן אָפּצושפּאָרן עטלעכע טייערע און אינטימע חברים. צווישן זיי פאַרנעמט לוי גאָלדבערג דעם אויבן־אָן, און טייער איז ער ביי מיר שוין דערמיט אַליין, וואָס אָנשטאָט דיפּלאָמעס, האָט לוי גאָלדבערג פון דער אַלטער היים מיטגעבראַכט אַזאַ ברייט האַרץ, וואָס איז אָנגעפילט מיט נגינה, מיט גרויסער ליבע צום יידישן לשון און צו דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער פאַרנעמט זיין פאַרדינטן אָרט.

וויל איך אים דאָ ווינטשן, אַז ער זאָל נאָך אַ סך יאָרן זיין געזונט און אַזוי שעפעריש ווי ביז איצט. אָמן ואָמן!

**נח גאָלדבערג**

---

**„פון די אַלטע אוצרות"** איז דער נאָמען פון אַ בוך געזאַמלטע תנכישע און תלמודישע עסייען, וואָס איז נאָרוואָס־ אַרויס פון דרוק און דערשיינט שוין איצט. דער מחבר איז **יצחק ביומאַן**, און עס ווערט אַרויסגעגעבן פון פּרץ הירשביין צווייג פאַרבאַנד אין לאָס אַנדזשעלעס.

## פּע״ן קלוב און „חשבון״ באַגריסן לוי גאָלדבערג צו זיין יובל השבעים

דער פּע״ן־קלוב און דער זשורנאַל „חשבון״ באַגריסן הארציק דעם פּאָעט לוי גאָלדבערג, וועלכער איז אַן אַנגעלייגטער מיטאַרבעטער אינם „חשבון״ — צו זיין 70 יאָריקן געבוירנטאָג, און מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך פּרוכטבאַרע און שעפערישע יאָרן.

י. פרידלאַנד, פּרעזידענט פון פּע״ן קלוב
מאַטעס דייטש, וויצע־פּרעזידענט
נח גאָלדבערג, סעקרעטאַר

## איניציאַטיוו־קאָמיטעט צו פייערן 50 יאָריקן יובל פון א. סוצקעווער

היי־יאָר ווערט דער באַרימטער דיכטער, אַבֿרהם סוצקעווער, פופציק יאָר. בשייכות מיט דער פייערונג שטעלט זיך דער קאָמיטעט דעם ציל: א) אַרויסצוגעבן אין צוויי בענד דעם דיכטערס ווערק; ב) אַרויסגעבן אַ יובל־שריפט לכבוד דעם דיכטער, אונטער דער רעדאַקציע פון מ. גראָס־צימערמאַן, דוב סדן, און זלמן שזר; ג) פייערן עפנטלעך דעם יובל און פאַרוואַנדלען אים אין אַ יום־טוב פון דער יידישער דיכטונג. (זע אַן אָפּהאַנדלונג פון מלכה טוזמאַן, לכבוד דעם 50 יאָריקן יובל פון א. סוצקעווער, אין דעם נומער).

אונדזערע האַרציקסטע וואונטשן צום בעל־היובל פאַר נאָך אַ סך שעפערישע אריכת ימים. (רעד.)

## אַבֿרהם גאָלאָמב אַ פינף־און־זיבעציקער

אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין ווערן 75 יאָר אַלט, און 55 יאָר טעטיקייט אויפן געביט פון חינוך, האָט דער חינוך דעפּאַרטמענט ביי דער אַשכנזישער קהילה אין מעקסיקאָ איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן באַנקעט, לכבוד דעם באַוואוסטן פּעדאַגאָג, דערציער און שריפטשטעלער, אברהם גאָלאָמב, זונטיק, דעם 25טן אויגוסט, אין זאַל פון יידישן ספּאָרט־צענטער.

מיר שיקן איבער אונדזערע פלאַמיקע גרוסן צום פּראָדוקטיוו־שעפערישן שריפטשטעלער, אברהם גאָלאָמב, און ווינטשן אים פיל געזונט און שעפערישע אריכת ימים. (רעד.)

## נח גאָלדבערגס בוך אַריין אין דרוק

אינעם פאַרלאַג „ייד־בוך״ איז אַריין אין דרוק אַ נייע נאָוועלע א״נ „ווילד־גראַז״, פון דעם באַוואוסטן נאָוועליסט, נח גאָלדבערג.

דאָס בוך וועט דערשיינען אין עטלעכע חדשים אַרום, אָבער כדי צו דער־מעגלעכן אַרויסצונעמען דאָס בוך פון דרוק, האָט דער בוך־קאָמיטעט באַשלאָסן צו פאַרקויפן דאָס בוך אין פאָראויס צו $4.00 אַן עקזעמפּליאַר, אַנשטאָט די רעגלערע פרייז פון זיבן דאָלער.

מיט באַשטעלונגען ווענדט זיך צום סעקר. פון נח גאָלדבערג בוך־קאָמיטעט:
S. Bunyan, 4103 Hollyknoll Dr., Los Angeles 27, Cali., NO 2-1390

# אריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין רעדאַקציע

**נאַטאַן מאַרק: „דערהויבנקייט"**
(לידער) 1—אצילות; 2—תפילה־לידער; 3—תהלים־לידער. פאַרלאַג „בשאלי", חיפה, ישראל, 1962.

* * *

**יצחק גאָלדקאָרן: „פון וועלט־קוואַל"**
(קליינע עסייען וועגן גרויסע שרייבער) מיט אַ הקדמה פון מחבר. אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון קאָנאַדער יידישן קאָנגרעס. פאַרלאַג מנורה, תל־אביב, 279 זייטן.

* * *

**ישעיה טרונק: „לאָדזשער געטאָ"**
אַ היסטאָרישע און סאָציאָלאָגישע שטודיע מיט דאָקומענטן, טאַבעלעס און מאַפּע. אַרויסגעגעבן פון ייוו"א, ניו־יאָרק, 1962, איבער 500 ז"ז.

* * *

**יעקב סאַפּיראָ: „סילועטן"**
(לידער און איבערזעצונגען). הילע געצייכנט פון וו. מייעראָוויץ. הורט פאַרקויף אין ציק"א ביכער צענטראַלע. אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע פריינד צום מחברס 75 יאָריקן געבוירנטאָג.

* * *

**יעפים ישורין: ביבליאָגראַפיעס פון באַרימטע שרייבער:**
יצחק לייבוש פרץ, מאָריס ראָזענפעלד, אַברהם זאַק, לייב ביידיס, מאיר זימל טקאַטש, דוד האָפּשטיין, איזי כאַריק און איציק פעפער — צוזאַמען אין איין בראַשור. אַלע אויסגאַבן זיינען דערשינען אין ב. איירעס, 1962.

* * *

**אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ: „די סאָוועטישע הרוגי־מלכות"**
(צו זייער צענטן יאָרצייט). עסייען, קריטיק, בריוו, ביאָגראַפיעס, בילדער. אַרויסגעגעבן פון איוו"א, בוענאָס איירעס, 1962. אַ שלל מיט ביאָ־ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל. פּראַכטיק אַרויסגעגעבן, האָט 500 זייטן.

* * *

**משה קנאַפּהיים: „אַ ייִנגל פון וואַרשע"**
ראָמאַן אין צוויי טיילן, 8 רינגען, (2טער באַנד) אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג „אילוסטרירטע ליט. בלעטער," בוענאָס איירעס, 1961, האָט 387 ז"ז.

* * *

**אריה פאַזי: „משיח'ס קייטן"**
(אין ענגליש, איבערזעצט פון יידיש פון יוסף לעפטוויטש. אַרויסגעגעבן פון מחבר.

* * *

**נחום סומער: „אויף זייטיקע וועגן"**
(עסייען) שער־בלאַט געצייכנט פון ע. מ. ווינער, פאַרלאַג „אויפסניי", מיט דער מיטהילף פון י. ווינעצקי־פאָנד ביים יידישן פע"ן־קלוב, ניו־יאָרק, האָט דריי אָפּטיילונגען: 1—מענטשן; 2—רעפלעקסן; 3—פון מיין נאָטיץ־ביכל. 256 זייטן.

* * *

**שלמה וואַרזאָגער: „זאַמד"**
(דערציילונגען). פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב 1963, 256 זייטן.

* * *

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

קינדער־זשורנאַל (רעד. ליפּע לערער, נ.י.); „אויפן שוועל" (רעד. קאַלעגיע, נ.י); אילוסטרירטע ליט. בלעטער (רעד. משה קנאַפּהיים); אַרגענטינער ביימעלעך (רעד. זעליג מאַזור); „דווקא" (רעד. סוסקעוויטש, אַרגענטינע); „היימיש" (רעד. יוסף מגן); „אייגנס" (רעד. מלך טשעמני); פּראָבלעמען (רעד. אַבא גאָרדין, (תל־אביב); אונדזער קיום (רעד. ד"ר ל. קורלאַנד, פּאַריז); שריפטן (רעד. קאַלעגיע, אַרגענטינע); „זיין" (רעד. ל. ראַזאָף) יום־טוב בלעטער (רעד. הערש שישלער).

# 37 יאָריקער יובילײ

פון

# לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב

„אַ קולטור-צענטער פאַרן ייִדישן מענטשן אין אַ ייִדישער סביבה״

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

4213 מאָנראָו גאַס

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

תשרי, ה׳תשכ״ד — אָקטאָבער, 1963

# LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

(Organized in 1926)

4213 Monroe Street • Los Angele 29, Calif.

NOrmandy 4-9325

# באַאמטע און אַדמיניסטראַציע פון ל.א. יידישן קולטור קלוב
## פון דעם יאָר 1962-63

**פרעזידענט:**
**י. פרידלאַנד**

**וויצע־פרעזידענטן:**
יצחק סאַפּיאַן
תנחום ברייס

**פינאַנץ־סעקרעטאַר:**
**אייב שוואַרץ**

פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר:
סעם לעווין

**קאַסירער**
**מאָריס ווינאַרסקי**

**הויז־פאַרוואַלטער:**
פּעי סאַפּיאַן
שלמה צוקערמאַן

**בריוו־פאַרוואַלטער:**
מאיר לעדערמאַן

באַאמטע פון הייַ־יאָריקער אַקציע:
א. שוואַרץ, פאָרזיצער
סעם לעווין, סעקרעטאַר

**ביבליאָטעקאַר און אַרכיוו:**
**נתן אַזאַלין**

**פּובליסיטי:**
י. טיליס
מ. סילבערט

ענגליש פּובליסיטי:
אהרן אייעראָוו

קולטור קאָמיטע פאַרן 37טן זמן:
**אליהו טענענהאָלץ**
**י. סאַפּיאַן**
**ס. לעווין**
**ט. ברייס**
**ש. ברייניני**
**י. פרידלאַנד און**
**אייב און מיני שוואַרץ**

אַקטיוו קאָמיטעט:
**ליובאַ ברייניני**
**דאָראַ לעווין**
**שרה ווינאַרסקי**
**מוסי פרידלאַנד**
**חבר און חברה חיים דאָרנאָ**
**ראָוז און ל. זעלמאַן**
**אַברהם באַביטש**
**חבר פיעלד**
**אַניוטא קאַפּעלאָף**
**פּעי סאַפּיאַן**

---

## שנת ברכה והצלחה

**צו אַלע חברים און חברות, מיטגלידער פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, מדינת ישראל, און כל ישראל אומעטום.**

**י. פרידלאַנד, פּרעזידענט**
**אייב שוואַרץ, סעקרעטאַר**

# צום 38-סטן זמן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

אונדז איז אויסגעקומען שוין ניט איינמאָל צו דערמאָנען, סיי ביי אַן אָפּ־שלוס פון זמן אָדער ביי דער דערפּענונג פון אַ נייעם זמן, וועגן אונדזערע קולטורעלע פונקציעס און אַקטיוויטעטן. במשך די אַלע יאָרן פון אונדזער עקזיסטירן האָבן מיר דאָ אין שטאָט אויסגעפילט אַ באַשטימטן חלל אין היגן יידישן קולטור־לעבן. אַוודאי זיינען דאָ אין שטאָט פאַראַן נאָך קולטור געזעלשאַפטן וואָס פירן מיט אַ קולטור אַרבעט, און מיר שאַצן באמת אָפּ זייער ביישטייער צום היגן יידישן קולטור־לעבן. דער קולטור קלוב אָבער, דורך זיין סיסטעמאַטישן איינשטעלן פון אָנפיר מיט קולטור פּראָגראַמען, וואָך איין וואָך אויס, במשך די אַלע יאָרן, האָט אַוועקגעשטעלט דעם קלוב אין דער ערשטער ריי, ווי אַן אויסשליסלעך יידישע קולטור אָרגאַניזאַציע, מיט קולטור טעטיקייטן פון אַ גרעטערן פאַרנעם: קולטור אַרבעט ניט ווי אַ בייזאַך!

אַ דאַנק דעם קלובס אַקטיוויטעט און זיין לאַנג־יאָריקן עקזיסטענץ פון 37 יאָר, האָט דער קלוב אָנצעוויזן אויף באַשטימטע ממשותדיקע אויפטואונגען און קולטורעלע דערגרייכונגען.

ראשית כל האָט דער קלוב זיך תמיד אויסגעהיט פון דער אומדערבאַרעמ־דיקער קולטור פאַרפלאַכונג, און בשום אופן זיך ניט אונטערגעבן צו דעם שטראָם פון דער דרויסנדיקער אַלץ מער פאַרכאַפּנדיקער שפּראַך־אַסימילאַציע. דער אויפהאַלט און אָפּגעהיטנקייט פון אונדזער יידיש לשון איז גוט באַקאַנט צו אַלע־מען; די אָנזאַמלונג פון אונדזערע יידישע קולטור און ליטעראַטור אוצרות, איז ניט סתם ביי אונדז אַ פראַזע, נייערט אַ ממשותדיקער אויפטו.

זעט אונדזער וואונדערלעך רייכע ביבליאָטעק, מיט וועלכע מיר אַלע מעגן שטאָלצירן! אַ ביבליאָטעק וואָס איז אַ זעלטנקייט ביי יידישע אָרגאַניזאַציעס דאָ אין ל.א. די ביבליאָטעק אונטער דער לייטונג פון חבר אַזאַלין, אונדזער ביבליאָטעקאַר, וואָס איז זיין ליבלינג, איז אונדזער שטאָלץ און קדשי ־קדשים.

נאָך אַ מאָמענט וואָס איז ווערט אַרויסצוהייבן און אַקצענטירן: ווען דער קולטור קלוב האָט געקענט דערוויזן, אַן וועלכע עס איז רעקלאַמעס, נאָר דורך אַ געוויינלעכן איינלאַדונגס בריוו, ברענגען כמעט יעדן שבת־צונאַכטס אַהערצו, אין אונדזער אייגענעם איינגאַנצן אָפּגעצאָלטן בנין, אַזאַ פיינעם יידישן אינטעלי־גענטן עולם פון 200 ביז 300 באַזוכער, וועלכע זאַפּן אין זיך איין דאָס בעסטע פון אונדזער יידישער ליטעראַטור, יידיש געזאַנג און אַלץ וואָס אָטעמט מיט יידישער שעפערישקייט — איז עס זיכער אַ מדרגה און אַ דערגרייכונג, אויף וואָס מיר קענען מיט שטאָלץ אָנוויזן.

נאָך אַן אַספּעקט, וואָס איז ווערט צו דערמאָנען און אַקצענטירן, וואָס דער קולטור קלוב דאָ אין ל.א. איז איינציק אויף דעם געביט; כ׳מיין מיט דעם דעם וואָס דער קלוב צוזאַמען מיט דעם שרייבער־קרייז גיבן אַרויס די פערטל־יאָריקע שריפט „חשבון" וואָס האָט זיך שוין געשאַפן אַ נאָמען אין דער יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט אין אַלע גרעסערע יידישע ישובים פון דער וועלט און אין ישראל. לאָס אַנגעלעס, וועלכע איז געבליבן פאַר די לעצטע צען יאָר אָן אַ יידישער שריפט, איז „חשבון" איצט די איינציקע שריפט אויף יידיש פון ניו־

יאָרק ביזן פּאַסיפיק. אונדזער קולטורעלע ל.א. ווערט צוליב דעם „חשבון" אָנגעזען אויף דער ליטעראַרישער מאַפּע אינאיינעם מיט די אַנדערע צענטערן פון זעם יידיש גייסטיקן שאַפן.

לאָס אַנגעלעס איז איצט דער צווייט־גרעסטער יידישער ישוב אין די שטאַטן. יעדע וואָך באַזעצן זיך דאָ הונדערטער יידן, וואָס קומען אַהערצו פון אַלע טיילן פון לאַנד און פון קאַנאַדע. צווישן די ניי־געקומענע זיינען דאָ אַזעלכע יידיש־יידן פון אונדזער קאַליבער, פון אונדזער אַרט דענקען, וואָס זיינען ניט קיין גע־שוואוירענע אָנהענגער פון באַשטימטע פּאָליטישע פּאַרטייען; נייערט אַזעלכע יידן, מיט אַ וואַרעמער באַציאונג צו יידישע קולטור־ווערטן און יידיש קינסט־לערישן וואָרט. אַט־די־דאָזיקע יידן געפינען דאָ, אין אונדזער קלוב, די וואַרעמע אַטמאָספערע אין אַ יידישער קולטור סביבה, וואָס אין זייערע פריערדיקע היים־שטעט האָבן זיי עס ניט געהאַט. אַט אַזעלכע יידיש־יידן ווערן אונדזערע נאָענטע פריינט, אַספּיראַנטן און בויער. אַט אַזעלכע יידן, די ניי־צוגעקומענע און די אַלט־איינגעזעסענע, מיט אַ יידיש קולטורעלן מעמד און באַציאונג, פילן אַן אונ־דזערע שבת־צונאַכטיקע מסיבות און שטאַרקן אונדזער עקשנות.

צום אָנהויב פון 38סטן זמן פון קלובס אַקטיוויטעט קומען מיר מיט גרויסע האָפענונגען, אַז דער נייער זמן וועט אונדז ברענגען ניט ווייניקער צוזאָגנדיקע פּראָגראַמען און אַקטיוויטעטן, וואָס וועט אונדז קולטורעל און קינסטלעריש דערהייבן.

י. פּ.

## פאַרדינסטפולע טוער ביים קולטור קלוב פון לעצטן זמן

וועגן די פאָלגנדיקע חברים און חברות, וועלכע שטעלן צוזאַמען די לייטונג פון קולטור־קלוב וואָלט מען געקענט אָנשרייבן אַ באַזונדער פאַרדינסטפולן קאַ־פּיטל. מיר טוען עס ניט צוליב כמה וכמה טעמים. מיר'ן אָבער בקיצור דאָ דער־מאָנען די נעמען פון די פונקציאָנערן ביים קלוב פון לעצטן זמן.

ראשית כל, אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר, חבר אייב שוואַרץ, פירט אויס זיין וויכטיקן אַמט בשלמות. די וויצע־פּרעזידענטן, די חברים י. סאַפּיאַן און ט. בריס, האָבן אויסגעפירט טאָפּלטע פונקציעס. סאַפּיאַן האָט אויך געדינט אַלס רעקאָרדינג סעקרעטאַר פון דער קולטור קאָמיסיע, און חבר בריס איז געווען דער לייטער פון די קולטורעלע מאָנטיקן.

חברה מיני שוואַרץ איז געווען פאַרטראַטן אין דער קולטור קאָמיסיע און אויך געשטאַנען אין „קאָנטאַקט" מיט די טאַלאַנטן; שלמה צוקערמאַן, לאַנג־יאָריקער הויז־פאַרוואַלטער און געטרייער „קאַמפּיינער"; יוסף ווײַנמאַן, אַן אָנ־פירנדיקער חבר אין דער לייטונג פון קלוב; ש. בריינין איז אין דער פינאַנץ און קולטור קאָמ.; סעם לעווין איז דער היי־יאָריקער רעקאָרד. סעקרעטאַר; מ. ווינאַרסקי, קאַסירער; מאיר לעדערמאַן ביוור־פאַרוואַלטער; פעי סאַפּיאַן, הויז־פאַרוואַלטערין; צייליע צוקערמאַן, באַראַטונגס קאָמ.; נתן אַזאַלין אַרכיוו און ביבליאָטעקאַר.

דער קולטור־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע

חברים: י. פרידלאַנד, אליהו טענענהאָלץ, יצחק סאַפּיאַן, ט.ברייס, ש. ברייניז, סעב לעווין, אייב און מיני שוואַרץ, און מאיר לעדערמאַן.

אַ באַזונדערן פּאַרדינסט דאַרף דאָ פאַרצייכנט ווערן, קומט אונדזער חשובן חבר אליהו טענענהאָלץ, דעם בינע און פילם־קינסטלער, פאַר זיינע פרייגיביקע קינסטלערישע בייטראַגן צו אַ צאָל ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן ביים קולטור קלוב, פון דעם לעצטן זמן, פון וועלכע דער עולם האָט גרויס הנאה געהאַט. מיט דעם צוריקקומען פון אליהו טענענהאָלץ צום קולטור קלוב האָט דער קלוב אַ סך געוואונען. ניט נאָר איז ער אַליין אויפגעטראָטן מיט זיינע פּרעכטיקע פאַר־לייענונגען, נייערט ער האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אין דעם צוזאַמענשטעל פון אַ צאָל קינסטלערישע אָוונטן.

אין דעם אַקטיוו פון קלוב באַטייליקן זיך די חברים: שרה באַשע און חיים דאַרנאָ; שרה ווינאַרסקי, אַנאַ און פּייוול לערנער, חבר י. פילד, ראָוז און לואיס זעלמאַן, פעני לעווין, אהרן און גאָסי אייעראָף, מיני צוקערמאַן, מוסי פרידלאַנד, דאָרע לעווין, אַניוטאַ קאָפּעלאָף, טילי ברייס, חבר און חברה קאַמינ־קער, ליובאַ ברייניז, מאַניע און מאָריס פאַרבער.

אָט די אַלע דערמאָנטע, די באַאַמטע, מיט דעם אַקטיוו, האָבן צוזאַמענ־געשטעלט דעם אַרבעטענדיקן אַפּאַראַט פון דער אַדמיניסטראַציע פון ל. א. יידישן קולטור קלוב.

---

## אַברהם באַנק ע״ה

אונדזער לאַנג־יאָריקער, חשובער מיטגליד פון קולטור קלוב, אַברהם באַנק, איז נפטר געוואָרן נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט.

א. באַנק איז געווען אַן אונדזעריקער, אַ וואַרעמער ייד, וועמען ס׳איז נאָענט געווען דער געדאַנק פון קיום האומה און די אידעאַלן פון אַ פרייען מענטשן. ער איז געווען אַ גוטער וואַרעמער מכניס־אורח; זיין היים איז געווען אָפן פאַר קלע־נערע אינטימערע זיצונגען, צו דיסקוטירן פרייהייטלעכע אידייען און ליטעראַטור.

אין יידישן קולטור קלוב, ווען ער איז געווען ביים בעסטן געזונט, איז ער געווען גאָר אַקטיוו, געווען אפילו פאַרוואַלטער אַ געוויסע צייט.

אונדזער טרייסט־אויסדרוק צו זיין ליבע פרוי חייקע, וועלכע, חוץ אַ מיט־גליד אין קלוב, איז זי קולטורעל אַקטיוו אַלס סעקרעטאַרין פון גאָלדבלום לייען־קרייז און בכלל אַ גוטע אינטעליגענטע לייענערין פון יידישער ליטעראַטור.

צוזאַמען מיט איר דערמאָנען מיר דאָ דעם לויטערן אָנדענק פון אונדזער חבר אַברהם באַנק ע״ה.

---

## לזכרון

פון אונדזערע מיטגלידער נפטרים ע״ה

תש״ך - תשכ״ג:

חוה דראָזד
מרדכי פּאָגאָרעלסקי
משה לייב קאָפּעלאָף
בען צוקערמאַן

# רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־צונאַכטסן

## 37־טן זמן — 1962־1963

— 1962 —

א) שבת אָוונט, דעם 20טן אָקטאָבער, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ סוכות און שמחת־תורה פייערונג. מ. פאָגל, באַקאַנטער פּעדאַגאָג און לעקטאָר, האָט רעפערירט וועגן יום־טוב. בתיה בזשאָזאַ האָט פאָרגעטראָגן געזאַנג נומערן. פאַרלייענונג, געזאַנג בציבור, און יום־טובדיקער כיבוד.

ב) שבת אָוונט, אָקטאָבער 29 — איז דורכגעפירט געוואָרן די אָפיציעלע דער־עפענונג פון 37טן זמן פון קולטור קלוב. ס'האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּראָגראַם: אליהו טענענהאָלץ, מיט פאַרלייענונגען פון י. ל. פּרץ און מאָריס ראָזענפעלד. אמנון לוי, באַוואוסטער ישראלי פידל־קינסטלער; פייגעלע פּאַניץ, די פיינסטע אויסטייטשערין פון יידישן פאָלקס־ליד; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ. הערי לאַנג, באַגריסער. י. פרידלאַנד מיט אַן אריינפיר וואָרט צום 37טן זמן.

ג) שבת אָוו., נאָוועמבער 3 — צום 10טן יאָרצייט נאָך די אומגעבראַכטע שריי־בער און קינסטלער אין ראַטן־פאַרבאַנד: סערגעי נוטקעוויטש האָט רעפע־רירט וועגן די שאַפונגען פון די אומגעבראַכטע שרייבער; אברהם זיגלבוים האָט רעציטירט פון די אומגעקומענע דיכטערס שאַפונגען. אריינפירט־וואָרט פון י. פ., פאָרזיצער פון אָוונט.

ד) שבת אָוו., נאָוו. 10 — דער אָנהויב פון „חודש פון יידישן בוך" איז געווען געווידמעט צו דער דערשיינונג פון י. פרידלאַנד'ס נייעם בוך „אין טעג פון גערעַנגל". אין פּראָגראַם האָבן אנטייל גענומען: אליהו טענענהאָלץ, מיט אַ פאַרלייענונג פונם מחבר'ס זאַך; חזן נתן קאַצמאַן האָט פאָרגעטראָגן געזאַנג־נומערן פון אונדזער דיכטונג; הערי לאַנג האָט געגעבן אַ לענגערע אָפּשאַצונג פון בוך. מלכה טוזמאַן האָט באַגריסט דעם מחבר; יצחק סאָפּיאַן האָט באַגריסט פון בוך־קאָמיטעט; ת. ברייס האָט באַגריסט אין נאָמען פון קלוב; ז. בונין — אין נאָמען פון „חשבון". דער מחבר האָט געהאַט דאָס שלוס־וואָרט. דער אָוונט איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון דיכטער פּינטשע בערמאַן.

ה) שבת אָוו., נאָוו. 7 — אַ ליטעראַרישער און מוזיקאַלישער אָוונט. מאַריאַ קאָרדאַ, פידל־קינסטלער; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ; סילוויע בעק, פאַר־לייענערין; געזאַנג בציבור און כיבוד.

ו) שבת נאָוו. 24 — אַן אָוונט לכבוד דער דיכטערין אסתר שומיאַטשער־הירשביין. עס האָבן אנטייל גענומען: דזשאָזעף שיילדקרויט; אליהו טענענהאָלץ; אניטאַ פריינדליך שעף; אסתר הירשביין, מיט אַ רעפעראַט וועגן ישראל. מאַקס באַנד און משה וויסמאַן האָבן באַגריסט.

ז) שבת אָוונט, דעם 1טן דעצעמבער — ליט. און מוזיקאַלישער אָוונט. מאַריא קאָרדאַ, פידל־קינסטלער — אין יידישע און העברעאישע קאָמפּאָזיציעס;

שענאָן געלסין, פּיאַנאָ; משה מאַנדלבוים, פּאָרלייענונג; געזאַנג בציבור; יום־טובדיקע טישן און כיבוד.

ח) שבת, דעצ. 8 — יערלעכער כאָראַלער מוזיקאַלישער אָוונט פון דעם יידיש־אַמעריקאַנעם פאָלקס־כאָר אונטער דער דירעקציע פון מאָריס בראָודאַ.

ט) שבת אָוו., דעצ. 15 — אַ חיים נחמן ביאַליק אָוונט, מיט אַ רעפעראַט פון פּראָפ. משה ליבמאַן; חיים אָסטראָווסקי, יידיש־העברעאישער שוישפּילער — פּאָרלייענונג פון ביאַליק׳ס ווערק.

י) שבת אָוו., דעצ. 22 — טראַדיציאָנעלע חנוכה פייערונג. מרים הירשבערג, לערערין פון אינסטיטוט שולן, האָט רעפערירט וועגן חנוכה; אליהו טענענהאָלץ האָט פּאָרגעלייענט פון ש״ע „חנוכה־געלט; חזן נתן קאַצמאַן האָט פאָרגעטראָגן אַ פּראָגראַם פון חנוכה־געזאַנג־נומערן. אירווינג ריסקין ביי דער פּיאַנאָ.

— 1963 —

יא) מאָנטיק, דעצ. 31 — ניי־יאָר אָוונט. אַ לעבעדיקע פריילעכע פּראָגראַם און אַ באַנקעט וועטשערע.

יב) שבת אָוונט, דעם 5טן יאַנואַר, האָט אליעזר דאָרין רעפערירט וועגן שמואל ניגער. אַ מוזיקאַלישער נומער פון עדי ווייגמאַן און געזאַנג בציבור.

יג) שבת אָוו., יאַנ. 12 — קבלת־פּנים פאַר דעם שרייבער און טעאַטראַל, נחמיה צוקער, גאַסט פון אַרגענטינע. ער האָט רעפערירט אויף דער טעמע: „יידישער הומאָר.״

יד) שבת אָוו., יאַנואַר 19 — אַ סימפּאָזיום איבער „100 יאָר יידישע פּרעסע — 70 יאָר יידישער זשורנאַליזם אין אַמעריקע״. באַטייליקטע: הערי לאַנג, וועגן דער יידישער פּרעסע; מאַטעס דייטש וועגן די „ליט. זשורנאַלן.״ י. פרידלאַנד מיט אַן אַריינפיר וואָרט און מאָדעראַטער.

טו) שבת אָוונט, יאַנואַר 26 — דריטע אויסטיילונג פון די ליט. פּרעמיעס פון דעם פרידלאַנד פאָנד. באַטייליקער אין אָוונט: זמן זילבערצווייג; מלכה טוזמאַן; מאַטעס דייטש; לעאָן קושעראָף, פּיאַניסט; י. פרידלאַנד, פונדאַטאָר פון פאָנד, מיט אַ שלוס־וואָרט.

טז) שבת אָוו נט,דעם 2טן פעברואַר, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ה. לייוויק אָוונט. סערגעי נוטקעוויטש האָט רעפערירט וועגן לייוויקס שאַפונגען; אַניטאַ פריינדליך־ שעף האָט געזונגען לידער פון ה. לייוויק; שענאָן געלסין, פּיאַנאָ אַקאָמפּאַנירט; אליהו טענענהאָלץ — פּאָרגעלייענט פון לייוויקס לידער.

יז) שבת, פעב. 9 — איז דער מוזיקאַלישער קאָנצערט אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב דעם שלאָקס־רעגן.

יח) שבת אָוו., פעב. 16 — רעפעראַט פון ד״ר חיים ראָטבלאַט אויף דער טעמע: „חיים גרינבערג, מענטש און שאַפער.״ לעאָן קושעראָוו, פּיאַניסט, האָט פאָרגעטראָגן אַ ציקל פאָלקס־קאָמפּאָזיציעס אין געזאַנג.

יט) שבת אָוו., פעב. 23 — אייגנאַרטיקער געזאַנג־קאָנצערט מיט דער באַרימטער פאָלקס־זינגערין ריישאַ; ליליען קלעס, פּיאַנאָ באַגלייטונג.

כ) שבת אָוונט, דעם 2טן מערץ — ליט. און מוזיקאַלישער אָוונט. די באַוואוסטע שוישפּילערין ראָמאַ לערער קאַטש, אין אַן אייגנאַרטיקער פּראָגראַם פון רעציטאַציעס פון אונדזער ליטעראַטור. סאַשאַ באַראָווסקי, פידל־קינסטלער, אין יידישע און קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס.

כא) שבת אָוונט, מערץ 9 — פּורים אָוונט. י. פּ. האָט גערעדט וועגן פּורים און געלייענט פון חיים שויס׳ פּורים שפּילן; פייגעלע פאַניץ האָט פאָרגעטראָגן אַ ציקל פאָלקס־לידער; אליהו טענענהאָלץ האָט פאָרגעלייענט אַ פּורימדיקע זאַך פון שלום עליכם.

כב) שבת דער 16טער מערץ איז ווידער געווען אַ שטורעמדיקער רעגן איז דער פלאַנירטער אָוונט אָפּגעלייגט געוואָרן.

כג) שבת אָוונט, מערץ 23 — איז דורכגעפירט געוואָרן אַ לעבעדיקע צייטונג, מיט דער באַטייליקונג פון שמואל טוביאַס, מאַטעס דייטש, פינטשע בערמאַן, אליהו טענענהאָלץ, י. פרידלאַנד, און די פאָלקס־זינגערין בערניס אַשדאַן.

כד) שבת אָוונט, מערץ 30 — אַ סימפּאָזיום וועגן יידישן שול־וועזן, מיט דעם אנטייל פון דעם לערער שמואל סיגאַל; ד״ר דוד ברידזשער, פון ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג. י. פּ., אַריינפיר־וואָרט און מאָדעראַטאָר.

כ״ה) שבת, דעם 6טן אַפּריל, איז צוליב טעכנישע סיבות, ווי אויך ערב פּסח, איז קיין אָוונט ניט פאַרגריית געוואָרן.

כו) שבת אָוונט, אַפּריל 13 — חול המועד פּסח, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פּסח פּראָגראַם. מאָריס קעסנער, באַקאַנטער בעל־מנגן, האָט דורכגעפירט אַ פּסח פּראָגראַם פון פּסחדיקע לידער לכבוד יום־טוב. אורוווינג ריסקין האָט אים באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ. אליהו טענענהאָלץ האָט פאָרגעלייענט פון ש״ס פּסחדיקע מעשיות. כיבוד און וויין לכבוד פּסח.

כז) שבת אָוו., אַפּריל 20 — יערלעכער ייוו״א אָוונט. פּראָפ. מאָזעס רישין, פון קאַליפ. אוניווערסיטעט, האָט רעפערירט וועגן „די ראָל פון ייוו״א אין פאָרשונג פון יידישער געשיכטע. יעקב ניומאַן האָט פאָרגעלייענט; חיים שאַפּיראָ האָט באַגריסט; פאָרזיצער פון אָוונט, תנחום ברייס. דער קולטור קלוב האָט געגעבן זיין יערלעכן שטייער צום ייוו״א, די סומע פון 100 דאָלער.

כח) שבת אָוו., אַפּריל 27 — איז געפייערט געוואָרן דער יום העצמאות פון מדינת ישראל. רבי אָטט האָט גערעדט וועגן 15 יאָר יידישער זעלבסט־שטענדיקייט; מיס מאראן, אַ ישראלית, האָט פאָרגעטראָגן אַ פּראָגראַם פון יידישע און העברעאישע פאָלקס־לידער. ס׳איז אויך געוויזן געוואָרן אַ פרענק סינאַטראַ ישראל־פילם.

כט) שבת אָוונט, דעם 4טן מאַי — אַן אָוונט פון יידישן פאָלקלאָר און הומאָר. מאַטעס דייטש האָט רעפערירט וועגן יידישן הומאָר. י. פּ. האָט געבראַכט חכמהלעך, פאָלקס־ווערטלעך. בערניס אַשדאַן האָט פאָרגעטראָגן אַ ריי פאָלקס־לידער.

ל) שבת אָוו., מאַי 11 — דער יערלעכער י. ל. פּרץ אָוונט. דער שרייבער שמואל יעקב טאָביאַס האָט רעפערירט וועגן י. ל. פּרץ. די שוישפּילערין

מרים עליס פון דער „הבימה" האָט פאָרגעטראָגן „מאָניש", און אליהו טענענהאָלץ האָט פאָרגעלייענט פון י. ל. פרץ'ס שאַפונגען.

לא) שבת און. מאַי 18 — יערלעכער שלום עליכם אָוונט, מיט פּראָפ. משה ליבמאַן אַלס רעדנער. אליהו טענענהאָלץ אַלס פאָרלייענער פון ש"ע זאַכן. י. פ. האָט פאָרגעלייענט די צוואה פון ש"ע. דער קלוב האָט ביים אָוונט פרעזענטירט שאַגאַלס נייעסטן קונסט־אַלבאָם אַלס מתנה צו פּראָפ. ליבמאַן.

לב) שבת און. מאַי 25 — טעאַטער לעקסיקאָן אָוונט, לכבוד דער דערשיינונג פון 3טן באַנד טעאַטער לעקסיקאָן. באַטייליקטע: יאַן סאַלאָ, יידיש־ענגלישער שוישפּילער; זיגמונט לעווו; צילע סילווער, ה. לאַנג, און זלמן זילבערצווייג.

לג) שבת, דעם 1טן יוני — יערלעכע שבועות פייערונג. ס'האָט רעפערירט דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג, ישראל גובקין, וועגן יום־טוב שבועות. חזן נתן קאַצמאַן אין אַ פּראָגראַם פון פּאַסיקע יום־טוב לידער, באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ פון אירווינג ריסקין, און... אליהו טענענהאָלץ האָט אויפן פאַרלאַנג פון עולם געלייענט „מילכיקס" פון שלום עליכם.

לד) שבת, דעם 8טן יוני, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ טעאַטראַלער אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון יהושע אַלקאַנס ע"ה נייעם בוך דראַמאַטישע ווערק. מאַריאַן סטיווענס האָט פאָרגעטראָגן קלאַסישע געזאַנג־נומערן; פּיאַנאָ באַ־גלייטונג—מעקאַניס; מאַטעס דייטש האָט גערעדט וועגן אַלקאַנס שאַפונגען; טעאַטער גרופּע, אונטער רעזשי פון מ. מייסאַן, האָט דורכגעפירט אַלקאַנס אַ שאַפונג; ז. זילבערצווג האָט רעפערירט וועגן אַלקאַנס דראַמאַטישע ווערק.

לה) שבת און. יוני 15 — אָפּשלוס פון 37טן זמן. דער פּרעזידענט פון קלוב, י. פרידלאַנד, האָט געעפנט דעם סיום הזמן מיט אַן אָפּשאַץ פון קלובס אַקטי־וויטעט; האָט דערנאָך פאָרגעשטעלט די באַוואוסטע פידל־קינסטלערין, מאַריאַ רודינאַ, אין אַ ציקל קאָמפּאָזיציעס, באַגלייט אויף דער פּיאַנאָ פון שענאַן געלסין. סערגיי נוטקעוויטש האָט באַגריסט דעם קלוב צום אָפּשלוס פון 37סטן זמן און אָנגעוויזן די פאַרדינסטן פון קולטור קלוב. פייגעלע פאַניץ האָט פאָרגעטראָגן אַ צאָל פאָלקס־לידער, און זי איז באַערט געוואָרן מיט אַ „פּלאַק" פון קלוב צו איר 70 יאָריקן געבוירנטאָג, פאַר אירע גרויסע פאַרדינסטן צום היגן יידישן לעבנבכלל און צום קלוב בפרט. א. טענענהאָלץ האָט אויסגעשפּילט די שלום עליכמס כאַראַקטערן פון ש"ע „צייטלין."

## רשימה פון באַטייליקטע אין די קולטור־מאַנטיקן פון 37טן זמן, 1962-63 מיט איינלייטונגען און רעפעראַטן איבער ליט. קולט־געזעלשאַפטלעכע פראַגן און פּראָבלעמען אונטער דער לייטונג פון תנחום ברייס

חבר און חברה קאַרסאָן; תנחום ברייס (2); אליהו טענענהאָלץ; זלמן שלאָסער; נתן פאָדעמבערג; יצחק סאַפּיאָן; יעקב זינגער; יצחק ניומאַן; ליליען מייזנער; לייזער מעלצער (2); י. פרידלאַנד (2); מ. סילבערט (2); נתן אַזאַלין; א. פּאָזי. י. ראַשעל (2); חיים אָסטראָווסקי; ראָוז באַלאָט (2); חברה ווייסמאַן. אויך אַ צאָתך לשלום צו אונדזער ביבליאָטעקאַר נתן אַזאַלין.

# חבל על דאבדין ולא משתכחין!

## צום אָנדענק פון אונדזער חשובן חבר בען צוקערמאַן ע״ה



מיט גרויס יראת הכבוד ווילן מיר דאָ דער־מאָנען צום ערשטן יאָרצייט פון אונדזער חשובן אַקטיוון חבר בען צוקערמאַן.

חבר צוקערמאַן איז געווען אַקטיוו אויף אַ סך געביטן און אין אַ צאָל יידיש־נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אין נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד, יידישן נאַציאָנאַל פאָנד, הסתדרות, פועלי־ציון פּאַרטיי, אויפבוי גרופּע א.אַ. אומעטום איז ער געווען אַ ביז גאָר פונקציאָנער. במשך פון די 16 יאָר וואָס ער איז געווען פאַרבונדן מיט דעם ל. א. יידישן קלוב האָט ער פאַרנומען אַן אָנגעזען חשובן אָרט אין דער פאַרוואַלטונג פון קלוב און פירערשאַפט; געווען אַ פּאָר יאָר וויצע־פּאַרזיצער פון קולטור־קלוב, פּאַרזיצער פון קולטור־קאָמיסיע, געווען אַן אַקטיווער „קאַמפּיינער" און בכלל צוגעטראָגן זיין חלק, ערנהאַפט מיט וואָרט און טאַט.

בען צוקערמאַן איז געווען אַן אָנגעזעענע פיגור אין דער יידישער ל.א. זיינע מעשים טובים, וואָס ער האָט געטאָן פאַרן יחיד ווי פאַרן כלל, האָבן גערעדט פאַר זיך אַליין. צו זיין 75 יאָריקן יובל האָבן זיך אָפּגערופן מיט וואַרעמע באַגריסונגען הונדערטער יחידים און צענדליקע אָרגאַניזאַציעס סיי פון ישראל און סיי פון אַמעריקע און קאַנאַדע.

במשך זיין וואוינערשאַפט אין קאַנאַדע, אין די ערשטע יאָרן פון זיין קומען קיין אַמעריקע, אין בען אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ מערב קאַנאַדע, לטובת דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. ער האָט אומעטום באַגלייט און מיטגעאַרבעט מיט די ארץ־ישראל שליחים, ווי זלמן רובאַשאָוו (איצטיקער נשיא פון ישראל, שז״ר), ישראל מערעמינסקי, שמואל דיין, יוסף ברץ; אויך באַגלייט חיים גרינבערגן ע״ה אויף זיין לעקציע טור פון וויניפּעג ביז סיאַטל. אַ קולטור־עסקן וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַן אַ שיעור שעפערישע ענערגיע, וואָס זיין אבידה לאָזט זיך ביי אונדז שטאַרק פילן.

כבוד זיין הייליקן אָנדענק. (י. פ.)


### • אויפמערקזאַם!

ס'איז נאָך פאַרבליבן אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון י. פרידלאַנד'ס נייעם בוך באַוועלן: „אין טעג פון געראַנגל." איר קענט זיך ווענדן דירעקט צום מחבר אויף דעם אַדרעס פון דער רעדאַקציע:

I. FRIEDLAND
4375 SUNSET DRIVE • LOS ANGELES 27, CALIF.

# א דאַנק־וואָרט

די פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב דריקט דאָ אויס אַ האַרציקן דאַנק און אנערקענונג צו די פאָלגענדע חברים און חברות, מיטגלידער און פריינט פון קולטור־קלוב, פאַר זייער באמת ווארעמער קאָאָפּעראַציע און ביישטייערונג. איר, ליבע פריינט, העלפט אונדז טיילווייז צו דעקן דעם דעפיציט פון יעדן סוף זמן וואָס דער קלוב האָט, און פאַרגרינגערט דעם עול פון אויפהאַלטן אונדזער אַלעמענס יידישן קולטור צענטער דאָ אין לאָס אַנגעלעס.

מיט דאַנק און קולטור גרוס,

**פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב**

## ביישטייערונגען

**$250.00**

יוסף און גאָסי שפּיגעלמאַן

**$150.00**

שלמה און צילע צוקערמאַן
יוסף און דזשעני וויינמאַן

**$100.00**

מאָריס און מאַניע פאַרבער
חבר און חברה עליק קאַרסאַן
חברה מיני צוקערמאַן
(אין אנדענק פון מיין ליבן מאַן בען)

**$75.00**

חבר הערי גאָלד
ראָוז און לואיס זעלמאַן

**$70.00**

חיים און שרה בתיה דאָרנאָ

**$60.00**

פעי און יצחק סאַפּיאַן

**$50.00**

יצחק און מוסי פרידלאַנד
חייקע באַנק
(אין אַנדענק פון מיין ליבן מאַן)
אהרן און גאָסי אייעראָף
חבר טשאַרלי צוקערמאַן
מערי און י. ליוואַק
מאָריס און שרה ווינאַרסקי
שמואל און ליובע ברייניני
חבר און חברה ה. ראַטבלאַט
2410 גאַטרי קאָורט
מיני און אייב שוואַרץ

**$30.00**

חבר און חברה ה. שטערנפעלד

**$25.00**

רעגינע זייד און קינדער
(צום 4טן יאָרצייט פון ליבן מאַן
און פאָטער, יוסף זייד)
אַניוטאַ קאָפּעלאָף
חברה פעני לעווין
חבר און חברה דוד ווינער
ראָוז באַלאַט
דאָרע און סעם לעווין
אַנאַ און פיליפּ לערנער
חבר י. פילד

לייזער און מרים מעלצער
מאָריס קאַפּלאַן
טילי און ט. ברייס
מאַלי ראָזענבלאַט
פּרץ הירשביין צווייג 352 פאַרבאַנד
אַרבעטער רינג צווייג 605
חברה סאָפיע שוואַרצער
הערבערט ל. גאָלאַם
אסתר סאָלאָמאַן
חבר און חברה גאַלאַנטי
משה קאַפּלאַן
חבר און חברה י. גרינשפּאַן

## $15.00

חבר און חברה בערנאַרד גינגאָלד
חברה שטורעם
חבר און חברה סאול אדעס
הערי און ראָוז שטראַסבערג
חבר און חברה ל. טאַבערט
חבר און חברה הערי אָרעק
מייק און עטל רומאַק
חבר און חברה ישראל פריינד
חבר און חברה דוד שרגא
חבר נתן אַזאַלין
חבר און חברה דושעק קאַהאַן
מינע האַרציקסטע ברכות דעם
ל.א. יידישן קולטור קלוב

## $10.00

רעגינאַ מאַנסאָן
יעטאַ און ז. בונין
חברה מיני בלאַק
חבר ס. שפּיגלמאַן
חבר היימאַן אייבראַמס
עלען און א. כראַבלאָוו
חבר און חברה יצחק ניומאַן
חבר י. ראָזענבערג
חבר י. ערלין
חבר און חברה ה. שולמאַן
חבר קערמיט בערמאַן
אַנאַ סקאַקאָווסקי
שרה יאַפע
מאָריס און רות דייטש
מאיר און מעי לעדערמאַן

דזשיי קאַפּלאַן
ישראל און ביילקע בלום
ראָבערט און פּעל טעמפּער
מאָריס און רות דייטש
ס. און מ. סעפּקין
חבר און חברה סעם פריד
חבר און חברה סעם שאַרף
„אויפבוי" גרופּע, ל.א.
חבר און חברה הערי אייבראַמס
חבר און חברה ה. דענסינגער
פייגעלע פּאַניטש
חבר און חברה ה. ראָבינסאָן
חברה מיני באַום
חברה ל. איירעליס
מאיר און גאָלדע דראַזד

## $5.00

חברה גאָסי סאַרטאַ
חבר און חברה ח. ל. מילער
חבר און חברה ש. בראָודע
חברה מיני ראַפּאַעל
חבר י. ריינער
חברה געלסין
חבר און חברה גראַנדע
בלומע און משה שטיינבערג
פיליפּ בראָודע
חבר מאַקס ניימאַן
סעם סאָלטעס
יונה דרעל
אסתר קוויטקאַ
בעלאַ פערמאַן
גערטרוד אַקאָווע
סאָפעיע אַגראָן
מערי גאָלדבלאַט
חיים דרייער
פעני שפּיגלמאַן
ישראל גובקין
עליע בוירנס
סעם רובין
מאָריס סילבערט
חבר און חברה בעלקין
חבר און חברה ש. מירענסקי

# באַגריסונג צום 37 יאָריקן יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

## פרץ הירשביין צווייג 352 יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

טרעט איצט אַריין אין דעם 24סטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ. במשך די אַלע יאָרן האָט ער צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק פון געלט־זאַמלונג פאַר דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און הסתדרות־קאַמפּיין, ישראל באָנדס, וועלפעיר פאָנד און אַנדערע.

אויף דעם געזעלשאַפטלעכן און פראַטערנאַלן געביט קאָנען מיר אָנווייזן די רעגולערע פאַרזאַמלונגען יעדן חודש, מיט פּראָגראַמען אויף אַ הויכן ניוואָ. אויך דער הילפס־פאָנד פונקציאָנירט אין גוטער אָרדענונג. אויף דעם קולטורעלן געביט שטייט דער הירשביין צווייג אויף אַ גאָר הויכער פּאָזיציע: אַלע ימים־טובים ווערן געפייערט; לעקציעס איבער וויכטיקע טעמעס, אויך פאַרלייענונגען און מוזיקאַלישע נומערן ווערן אַדורכגעפירט.

ווי איר זעט, טוען מיר כמעט די אייגענע קולטור־אַרבעט, וואָס עס טוט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב. מיר זיינען שטאָלץ וואָס עס געפינען זיך צווישן אייערע מיטגלידער אַ גרויסע צאָל חברים פון אונדזער צווייג. זייט געגריסט!

מאָריס דייטש, פאָרזיצער — יצחק ניומאַן, סעקרעטאַר

---

## דער נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווער אַרבעטער רינג בראַנטש 605

באַגריסט דעם קולטור קלוב צו זיין 37 יאָריקן עקזיסטענץ. אונדזערע וואַרעמסטע וואונטשן פאַר נאָך אַ סך יאָרן פון קולטור־שעפערישע טעטיקייטן.

רפאל ראָזענשטיין, סעקרעטאַר

---

## דער יידישער נאַציאָנאַל פאָנד שיקט האַרציקע ברכות צו אַלע יידן אין לאָס אַנדזשעלעס, פיל גליק, געזונט און שלום על ישראל און על מדינת ישראל.

מילאַן ראַווען, פּרעזידענט
פרעד קאַהאַן, עקזעקוטיוו סעקר.

**JEWISH NATIONAL FUND**

5410 WILSHIRE BLVD. — Phone WEbster 8-2505

מיר שיקן די האַרציקסטע ברכות

צו דעם

## לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

און ווינטשן אים נאָך גרעסערע דערגרייכונגען
צו זיין 37 יאָריקן עקזיסטענץ.

### חבר און חברה

# יוסף שפיגעלמאַן


יידישע טעגלעכע ראַדיאָ

זונטיק אינדערפרי — פון 10:30 ביז 12

DIAL KALI — 1430 KC.

זלמן זילבערצווייג צייליע סילווער

# SIERRA SPECIALTY CO.

617 N. La Brea Ave.

GREETINGS

*from*

# SAM & HELEN LEVINE

***and the***

# WEINBERG FAMILY

## ACME HARDWARE CO., INC.

150 SO. LA BREA AVE.

---

## BUCKEYE LIQUOR

SIMON LEVI CORP.

---

## STERLING LIQUOR

5900 RODEO ROAD LOS ANGELES 16, CALIF.

---

## TROJAN DISTRIBUTING CO.

---

## BUCKEYE LIQUOR STORE

400 West Washington Blvd.

JACK MANDEL MORRIE G. WEINMAN

---



*More Jewish Families Select*

# GROMAN MORTUARIES

HARRY GROMAN, *President*

**TWO LOCATIONS**

830 W. WASHINGTON BLVD., LOS ANGELES
RI 8-2201 • RI 8-2202

11500 SEPULVEDA BLVD., SAN FERNANDO VALLEY
TR 7-0335 • EM 5-7151

*One phone call for all your needs • Services in all cemeteries*

**WEINER & KANE**

*INSURANCE*

8437 WILSHIRE BLVD.

---

**WESTERN DISTRIBUTING COMPANY**

2808 Santa Fe Ave. Los Angeles

---

**PAUL MASSON WINES**

---

**SUPER DRUG STORE**

OF WESTWOOD

---

**MR. and MRS. GARBOWSKY**

---

**HIXSON & JORGENSON**

---

Warm Greetings

FROM A FRIEND

---

**BILL SEYMOUR**

Greetings

---

**FIVE THIRTY LIQUOR**

*GREETINGS FROM*

**MR. and MRS. JOE WEINMAN**

**and his Friends**

---

**no**
**finer**
**vodka**

# KAMCHATKA

**a**
**national**
**distillers**
**product**

*distributed in Southern California by*

THE ALFRED HART COMPANY

LOS ANGELES • SAN DIEGO • SAN BERNARDINO

---

## GUENTHERS MURRIETTA
## HOT SPRINGS

MURRIETA, CALIFORNIA

MODERATE RATES —— AMERICAN PLAN

*Special four-day rates for Sunday and Monday arrivals*

Dial 714-677 for Information and Reservation

# The Los Angeles Yiddish Culture Club

THIRTY SEVEN years ago, a very small group of individuals conceived the idea of a Yiddish Culture Club, free of any party affiliations, and as a result thereof we have today a wonderful clubhouse, a rich library, an auditorium housing comfortably about three hundred members and guests, attending weekly programs in which entertainment is rendered every Saturday evening, as well as weekly lectures every Monday.

Our main spiritual achievement are indeed the hundreds of literary and musical events year in and year out, making the Yiddish language a living link in the life of our Jewish community.

We are, as from inception, a non-political body, and our entire efforts are still concentrated upon educational and spiritual values in Yiddish life.

The Cultural Committee is always selected from the most competent and devoted members of the Club, and is responsible for the arranging of a literary and musical event from the best available talent, for almost every Saturday evening. Guest artists and writers, who are able to present their talents in Yiddish, are always welcomed and introduced to the entire membership and guests.

The officers of the L. A. Yiddish Culture Club are as follows: I. Friedland, president (for the past 23 years); Abe Schwartz, financial secretary; Sam Levin, recording secretary; Morris Winarsky, treasurer; T. Brice, I. Safian, vice-presidents; S. Brainin, Sam Zuckerman and Morris Winarsky, finance committee; Fay Safian, house manager; M. Lederman, mail manager; N. Azolin, librarian.

We are approaching our thirty-eighth year with confidence in our striving to make a real contribution to a more vigorous, more interesting life for its members.

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB
4213 Monroe Street, Los Angeles 29, California
ABE SCHWARTZ, *Secretary*

# "HESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

QUARTERLY PUBLICATION

*of the*

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

*and*

L. A. WRITERS GROUP


I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 Sunset Drive • Los Angeles 27, Calif.


October, 1963

Los Angeles

Yiddish Culture Club

*Thirty-Seventh Anniversary*

*1926 --- 1963*